STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08594

MAYN SHPRAKHBUKH

Hyman B. Bass

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ח. בעז   ז. יעפרויקין

מיין שפּראַכבוך

לייען־ און אַרבעט־בוך פאַר יידיש.

ערשטער טייל

אילוסטרירט פון לאה פּאָרט

דריטע געענדערטע אויפלאגע

ארויסגעגעבן פון
בילדונגס־קאָמיטעט פון אַרבעטער־רינג

Copyright 1948
by the
Educational Committee
of the
Workmen's Circle
New York, N. Y.

ערשטע אויפלאַגע 1938 — געדרוקט אין 10,500 עקזעמפּליאַרן
צווייטע אויפלאַגע 1945 — געדרוקט אין 6,000 עקזעמפּליאַרן
דריטע אויפלאַגע 1948 — געדרוקט אין 10,000 עקזעמפּליאַרן

(צו דער איצטיקער אויפלאַגע זיינען צוגעגעבן אילוסטראַציעס פון ליליען, ג. קאָזלאָווסקי און אַנדערע).

Printed in U. S. A.

פיוטוראָ פּרעס, 476 בראָדוויי, ניו־יאָרק, נ. י.

מײן שפּראכבוך



צום נייעם לערניאָר

עס איז שוין דער זומער,
דער הייסער אַוועק.
עס זיינען געבליבן
נאָך עטלעכע טעג.

איז נעמט, קינדער, גיכער
די ביכער אַרויס,
די העפטן, די בלייערס —
דער זומער איז אויס!

געשפּילט זיך, געלאָפן,
געאַרבעט, גערוט, —
איצט לאָמיר זיך לערנען
לערנען זיך גוט.

ברידער און שוועסטער

ניט צעקריגט זיך

אַמאָל איז געווען אַ ברודער מיט אַ שוועסטער — בערעלע און פריידעלע. זיי האָבן צווישן זיך אַלע מאָל געלעבט בשלום און קיין מאָל זיך ניט געקריגט. איין מאָל זאָגט בערעלע צו פריידעלען: „פריידעלע! איך האָב געהערט, אַז עס זיינען פאַראַן קינדער וואָס קריגן זיך. לאָמיר זיך אויך אַ ביסעלע צעקריגן".

„איך ווייס אָבער ניט, ווי מע טוט דאָס," — האָט פריידעלע געענטפערט.

„וועל איך דיך אויסלערנען", — האָט בערעלע געזאָגט. — „איך וועל נעמען דאָס מעסערל, וואָס דער פאָטער האָט אונדזביידן געשענקט, און וועל זאָגן: „דאָס מעסערל איז מיינס". זאָלסטו זאָגן: „ניין! דאָס מעסערל איז גאָר מיינס!" און אַזוי וועלן מיר זיך אָנהייבן צו קריגן".

בערעלע האָט גענומען דאָס מעסערל און האָט אויסגעשריען: „זאָלסט וויסן, אַז דאָס מעסערל איז מיינס!" פריידעלע האָט אַ ווײַלע געטראַכט און האָט געענטפערט: „אויב עס איז דיינס, טאָ נעם עס".

און אַזוי האָבן זיך דער ברודער און די שוועסטער ניט געקאָנט צעקריגן.



גערעבט בשלום	שלום

פראַגעס:

1. ווי האָבן בערעלע און פריידעלע געלעבט צווישן זיך?
2. וואָס האָט דער ברודער איין מאָל געזאָגט זיין שוועסטערל?
3. ווי האָבן זיך די קינדער געוואָלט צעקריגן?
4. פאַר וואָס האָבן זיי זיך ניט צעקריגט?
5. האָסטו אַ ברודער אָדער אַ שוועסטער? ווי לעבט איר צווישן זיך?

ווי זאָגט מען?

דער ברודער - די שוועסטער

דער טאַטע - די ______

דער זון - די ______

דער זיידע - די ______

דער פעטער - די ______

רעטעניש. ווער בין איך? דעם טאַטנס אַ קינד און ניט קיין זון?

ווי קען מען זאָגן אַנדערש?

געלעבט בשלום — געלעבט גוט צווישן זיך, געלעבט אין פרידן, זיך ניט געקריגט.

געשענקט — געגעבן.



האַנטשאָטנס

די מאַמע מיט די פינף זין

אַ מאַמע האָט געהאַט פינף זינדערלעך:
איינס — אַ קליינס,
איינס — אַ שיינס,
איינס — אַ גרויס,
איינס — אַ וואוילס און אַ קלוגס, וואָס די ברידערלעך האָבן נישט געוואוסט, האָט ער זיי געוויזן,
און איינס — אַ נידעריקס, אַ דיקס, מיט אַ בייכעלע.

אַמאָל זיינען אָנגעפאַלן גזלנים און זיי האָבן געזאָגט צו דער מאַמען: — איין זון מוזסטו אונדז אַוועקגעבן! כאָטש איינעם, וועלכן דו ווילסט!

זאָגט די מאַמע: — פינף זין האָב איך:
איינער — דער קלענסטער,
איינער — דער שענסטער,
איינער — דער גרעסטער,
איינער — דער בעסטער,
איינער — דער פעסטער.

נישט אַלע זיינען גלייך, נאָר אַלע האָב איך גלייך ליב. וועלכן קען איך אייך געבן?

באַלד זיינען אַרויס דער גרעסטער און דער בעסטער און דער פעסטער אין דער מיט און אַ געשריי געטאָן:
— ניין! מע גיט נישט!

זיינען צו זיי גלייך צוגעשטאַנען דער קלענסטער און דער שענסטער. האָבן זיך אַלע פינף ברידער צונויפגעשלאָסן און זיך קעגן די גזלנים געשטעלט.

איז אויף די גזלנים אַ שרעק אָנגעפאַלן און זיי זיינען אַנטלאָפן.

גזלנים

טיטאַ און פּיטאַ

טיטאַ איז אַ הינטעלע,
אַ קליינער און אַ גוטער.
טרינקט ער מילך פון טעצל,
עסט ער ברויט מיט פּוטער.

און מע וואַשט אים יעדן טאָג,
און מע קעמט אים אויס.
אין אַ ווייך און וואַרעם בעטל
רוט זיך טיטאַ אויס.

פּיטאַ איז אַ ייִנגעלע —
סאַמע הויט און ביין.
האָט ער ניט קיין ברויט צו עסן,
האָט ער ניט קיין היים.

קלייבט ער דאַרע ברעקלעך אויף,
פון יעדער מיסט און קויט,
און ווערט אַנטשלאָפן אויף אַ שוועל
חלומט ער פון ברויט...

ווי זאָגט מען אַנדערש?

אַ ייִנגעלע סאַמע הויט און ביין — אַ ייִנגעלע, וואָס איז זייער דאַר און מאָגער.

ברעקל — זייער קליין, פּיצל.

ברעקלעך ברויט — קליינע שטיקלעך ברויט, וואָס בלייבן איבער נאָכן עסן.

קויט — dirt, mud.

פראַגעס:

1. ווער איז טיטאַ? ווער איז פּיטאַ?
2. פאַר וואָס איז טיטאַן גוט?
3. פאַר וואָס איז פּיטאַן שלעכט? פאַר וואָס האָט פּיטאַ ניט קיין היים?

אַז מיר זענען אין דער היים

דערציילט וואָס דו זעסט אויף די בילדער.

אַ פייגעלע אין האַרבסט



אַ קליין פייגעלע האָט פאַרבלאָנדזשעט אין שטאָט און נישט גע־וואוסט וואו אַהיים צו פליען צו זיין נעסט, צו זיינע ברידערלעך און שוועסטערלעך. איז דאָס פייגעלע אַרומגעפליגן גאַס איין און גאַס אויס, ביז עס איז געוואָרן אַ ווינט, אַ שטורעם און אַ רעגן.

זעט דאָס פייגעלע אַ פענצטער, פליט עס צו און קלאַפט אָן מיטן שנעבעלע:

קינדערלעך טייערע, לאָזט מיך אַריין,
כ׳וועל אייך אַ גוט חבר זיין.

הערט זיך פון אינעווייניק אַ שטים פון אַן עלטערן מענטשן:

— וויל איך נישט.

פליט דאָס פייגעלע צו אַ צווייטן פענצטער:

קינדערלעך ליבינקע, מאַכט אויף די טיר,
עס גיסט און עס כליאַפעט אַ רעגן אויף מיר.

— וויל איך נישט — הערט זיך פון אינעווייניק אַ שטים פון אַ בייזער פרוי.

קלאַפט אָן דאָס פייגעלע אין דריטן פענצטער:

קינדערלעך שיינינקע, ס׳רעגנט, ס׳איז קאַלט,
ווער לאָזט נישט אַריין אַ פייגעלע באַלד?

עפנט זיך אויף גיך דאָס פענצטער און צוויי גוטע קינדערלעך נעמען אַריין דאָס פייגעלע, גיבן דעם עסן און טרינקען און, ווען דאָס

פייגעלע איז געוואָרן זאַט און עס האָט זיך אָנגעוואַרעמט, האָט עס אָנגעהויבן זינגען.

האָט געזונגען דאָס פייגעלע, האָבן געזונגען די קינדערלעך, די קאַץ, דאָס הינטל, און אַז די זון האָט געהערט ווי מע זינגט, איז זי דורכגעבראָכן דורך די וואָלקנס און אַריין אין שטוב אויך הערן זינגען.

פראַגעס:

1. וואָס האָט געטראָפן מיט דעם פייגעלע?
2. ווער האָט דאָס פייגעלע אַריינגענומען צו זיך אין שטוב?
3. פאַר וואָס זענען אַלע פריילעך געוואָרן?
4. פאַר וואָס איז די זון דורכגעבראָכן דורך די וואָלקנס און איז אַריין אין שטוב?

רעטעניש

ס'איז ביי דיר פאַראַן אַ חבר
איז ער זייער אַ טשיקאַווער:
אַט איז ער גרויס, אַט איז ער קליין,
קיין מאָל גייט ער נישט אַליין,
טרעטסט אים שטענדיק מיט די פיס,
איצט זאָג מיר ווער דאָס איז?

חבר	טש

געדענק! אַ טשיקאַווער הייסט אַ מאָדנער, איינער וואָס איז אַנדערש פון אַלעמען.

האַנטשאָטנס



דער עפּל

די מאַמע האָט געבראַכט פון מאַרק אַ גרויסן רויטן עפּל.

— זע, מירל, וואָס פאַר אַן עפּל! — האָט זי געזאָגט צו איר טאָכטער, וואָס איז געזעסן און גענייט — פריש, נאָר וואָס פון בוים. נעם און עס אים אויף.

מירל האָט שוין געוואָלט איינבייסן דעם עפּל. זי האָט זיך אָבער דערמאָנט אָן יאַנקעלען, איר ייִנגערן ברודערל.

יאַנקעלע האָט נעכטן פאַרדינט ביי איר אַן עפּל: ער האָט איר צוויי מאָל געפאָלגט אַ גאַנג.

— זאָל זיין פאַר אים! — האָט זי באַשלאָסן.

אַז יאַנקעלע איז געקומען פון שול, האָט מירל אים אָפּגעגעבן דעם עפּל.

יאַנקעלע האָט אָבער גראָד ניט לאַנג געגעסן עפּל. האָט ער באַהאַלטן דעם עפּל אויף שפּעטער.

***

שפּעטער האָט די מאַמע געשיקט דורך יאַנקעלען מיטאָג צום טאַטן. דער טאַטע — אַ סטאָליער — האָט געאַרבעט אין אַן אַנדער גאַס.

אַז דער טאַטע האָט אָפּגעגעסן, האָט יאַנקעלע אַריינ־געדוקט די האַנט אין קעשענע און אָנגעטאַפּט דעם עפּל; האָט ער אַ טראַכט געטאָן:

— דער טאַטע אַרבעט, פאַרדינט פאַר אַלעמען. דער עפּל געהערט צו אים.

און ער האָט דערלאַנגט דעם טאַטן דעם עפּל און האָט געזאָגט:

— נאַ, טאַטע, די מאַמע האָט דיר געשיקט אַן עפּל אויך!

— ווילסט אַ שטיקל? — האָט דער טאַטע געפרעגט.

— ניין, איך האָב ניט לאַנג געגעסן — האָט יאַנקעלע געענטפערט.

דער טאַטע האָט פריינדלעך אַ קוק געטאָן אויף יאַנקעלען, צוגענומען דעם עפּל און באַהאַלטן.

***

צו אָונטברויט האָט דער טאַטע אַרויסגענומען דעם עפּל און געזאָגט צו דער מאַמען:

— נאַ, נעם און פאַרזוך. מיר האָט זיך היינט ניט געוואָלט.

— ווי קומט צו דיר דער עפּל — האָט די מאַמע פאַרוואונדערט געפרעגט. — זע, מירל, פונקט אַזאַ, ווי איך האָב דיר היינט געגעבן.

מירל האָט אַ קוק געטאָן אויף יאַנקעלען. יאַנקעלע אויפן טאַטן, דער טאַטע — אויף יאַנקעלען, און אַלע האָבן גענומען דערציילן, ווי אַזוי דער עפּל איז יעדערן אָנגעקומען.

דערציילט און געלאַכט!

— אַ וואונדער־עפּל!

— יאָ, אַ וואונדער־עפּל ביי אַזוינע וואונדער־קינדער ווי מיינע — האָט די מאַמע געזאָגט.

און זי האָט גענומען אַ מעסער, צעשניטן דעם עפּל אויף פיר טיילן, און אַלע האָבן געגעסן דעם עפּל.

געגעסן און געלאַכט.

יונגע פייגל

אויף די גרינע צווייגן
זינגען יונגע פייגל,
איבער זיי פון אויבן
שיינט דער רעגנבויגן.

יונגע פייגל זינגען
ליכטיקע געזאַנגען,
און אויף פרישע פעלדער
צייטיקן זיך זאַנגען.

ווערט ניט שנעל אַנטשוויגן,
פייגל מיינע יונגע!
און פאַרגעסט ניט קיין מאָל
וואָס איר האָט געזונגען.

די וועווערקע און דער וואָלף

אַ וועווערקע איז אַרומגעשפרונגען איבער די צווייגן פון אַ בוים און איז אַראָפגעפאַלן אויף אַ וואָלף, וואָס איז געלעגן און געשלאָפן. דער וואָלף איז אויפגעשפרונגען און געוואָלט די וועווערקע אויפעסן. האָט זי זיך גענומען בעטן:

— לאָז מיך אָפ! רופט זיך אָן דער וואָלף צו איר:

— גוט, איך וועל דיך אָפלאָזן, נאָר זאָג מיר, פאַר וואָס זייט איר, וועווערקעס, אַזוי לוסטיק? מיר איז שטענדיק אַזוי אומעטיק, און אייך זעט מען אַלע מאָל זיך שפילן.

ענטפערט אים די וועווערקע:

— לאָז מיך אָפ, וועל איך דיר זאָגן. אַזוי האָב איך מורא פאַר דיר.

דער וואָלף האָט אָפגעלאָזט די וועווערקע. איז זי אַרויף אויפן בוים און פון דאָרטן געזאָגט צום וואָלף:

— דיר איז דערפאַר אומעטיק, ווייל דו ביסט אַ בייזער און אַ שלעכטער, און אונדז איז פריילעך, ווייל מיר זיינען גוטע און טוען קיינעם קיין בייז נישט.

די פוילע טאָכטער

די מאַמע וועקט אין דער פרי איר טאָכטער:
— טעכטערל, טעכטערל, שטיי אויף! דער האָן האָט שוין געקרייט!
— זאָל ער קרייען דער האָן — ענטפערט די טאָכטער, — אַ האָן האָט אַ קליין קעפל, שלאָפט ער זיך גיך אויס.
אין אַ ווײַלע אַרום וועקט די מאַמע ווידער די טאָכטער.
— שטיי אויף, שטיי אויף, טעכטערל! דער פרי־מאָרגן שײַנט שוין!
— זאָל ער שײַנען, דער פרימאָרגן, ער האָט אַ סך צו שײַנען, מוז ער פרי אָנפאַנגען.
אין אַ צײַט אַרום קומט ווידער די מאַמע:
— טאָכטער, די זון איז שוין אויפגעגאַנגען, שטיי אויף!
— די זון מוז זיך אײַלן, זי האָט פאַרן טאָג אַ גרויסן, לאַנגן וועג צו מאַכן, — האָט געענטפערט די טאָכטער און איז ווידער אַנטשלאָפן געוואָרן.
— אָבער, טעכטערל, די קאַשע איז שוין פאַרטיק!
שנעל איז די טאָכטער פון בעט אַראָפּגעשפּרונגען.
— מאַמע, וואו ליגט דער גרויסער לעפל?

ווי מען טאָר ניט ריידן:

איך גיי אַרויס אַ קוק טאָן, וואו איז דער פערדעלע, ערשט ניטאָ דאָס פערדעלע, אַנטלאָפן די פערדעלע!
וואָס טויג דאָ ניט?

מע זאָגט:

דער ברודער	די שוועסטער
דער פאָטער	די מוטער
דער זיידע	די באָבע
דער זון	די טאָכטער
דער לערער	די לערערין
דער שניידער	די שניידערין

ראש השנה



עס קלאַפּט אין טיר דאָס נייע יאָר:
— איך קום צו אייך מיט פריידן נאָר.

— לשנה טובה, קום אריין!
דאָס הויז וועט אָנגעפּילט מיט שיין.

דער טיש איז ווייס, דער לאָמפּ — ער בליצט,
עס איז דאָך ראש השנה איצט.

און טאַטע־מאַמע, קינד און קייט,
צום יום־טוב האָבן זיך געגרייט.

און ס׳רעדט דאָס נייע יאָר און זאָגט:
— גענוג געוויינט, גענוג געקלאָגט.

איר האָט געליטן לאַנג, צו לאַנג,
שוין צייט צו זינגען אַ געזאַנג.

איך ברענג אייך גוטס, נאָר איר אַליין
דאַרפט זיין אין האַרץ אויך גוט און ריין.

אַ מענטש צו מענטש דאַרף ברודער זיין,
און אויס מיט קריג, און אויס מיט פּיין.

מיר הערן צו די רייד זיך צו,
דער שופר בלאָזט: טרו־טרוע־טרו.

די באָבע בעט און מורמלט פרום, —
— לשנה טובה, קום שוין, קום!

וואָס באַטייט?

1. ראש־השנה (ראָשעשאָנע) — דאָס יידישע ניי־יאָר. 2. לשנה־טובה (לעשאָנע טויווע) — איר זאָלט האָבן אַ גליקלעך יאָר. 3. שיין — ליכט. 4. בליצט — לייכט שטאַרק. 5. קינד און קייט — קליין און גרויס. 6. יום־טוב (יאָמטעוו). 7. פּיין — sufferings. 8. שופר (שויפער) — דער האָרן אויף וועלכן מען בלאָזט אום ראש־השנה. 9. מורמלט — whispers, murmurs.

לשנה טובה תכּתבו

לשנה טובה תכתבו,
אַלע, אַלע וואו איר זייט!
לשנה טובה תכתבו,
סיי פון נאָענט, סיי פון ווייט!

אַ גוט יאָר!

— ליבע טאַטע־מאַמע,
נאַט אייך אַ מתנה:
אַ שיין לשנה־טובהלע,
אַ וואונטש צו ראש־השנה.

אַ גוט יאָר, ווינטשן מיר,
אַ גליקלעך און צופרידן,
אייך און יעדן גוטן פריינד,
און אַלע, אַלע יידן!

דאָס הויז און די סוכּה

א

אַ הויך און גרויס הויז מיט אַ סך פענצטער איז גע־שטאַנען אין גאַס; איז דאָס הויז געווען שענער פון אַלע הייזער: די ווענט ווייס, די לאָדנס גרין און דער דאַך רויט. און אַרום דעם הויז איז געווען אַ שיינער גאָרטן מיט ביי־מער און בלומען. איז זיך געשטאַנען דאָס שיינע הויז, האָט געקוקט צו די נידעריקע שטיבער אין גאַס און האָט גע־טראַכט: איך בין גרעסער פון אַלעמען! איך בין שענער פון אַלעמען!

איין מאָל, ערב סוכּות, דערהערט דאָס הויז אַ רעש אויפן הויף. עס קוקט זיך אַרום, זעט עס ווי דער באַלעבאָס קלאַפּט מיט אַ האַמער.

— באַלעבאָס, באַלעבאָס! — שרייט דאָס הויז — צו וואָס קלאַפּסטו מיטן האַמער? צו וואָס קלאַפּסטו צוועקעס?

ענטפערט דער באַלעבאָס:

— איך בוי אַ סוכה; ס'איז דאָך היינט ערב סוכות!

— וואָס וועסטו טאָן אין דער סוכה, באַלעבאָס? — פרעגט דאָס הויז.

לאַכט דער באַלעבאָס:

— וואָס איך וועל טאָן אין סוכה? — איך וועל זיצן אין איר! סוכות דאַרף מען זיצן אין אַ סוכה! משהלע וואָס לערנט אין שול ווייסט דאָס, אַפילו שרהלע וואָס גייט אין קינדער־גאָרטן ווייסט דאָס!

האָט זיך דאָס הויז פאַרשעמט.

ב

דער באַלעבאָס האָט אַריינגעשטעקט אין דער ערד פיר שטאַנגען. פון ברעטער האָט ער געמאַכט פיר ווענט, אין די ווענט פענצטער מיט אַ טיר; דעם דאַך האָט ער באַדעקט מיט גרינעם סכך פון צווייגן; דערנאָך האָט ער אַריינגעשטעלט אַ טיש מיט בענקלעך. די באַלעבאָסטע האָט אויסגעשפּרייט אַ ווייסן טישטעך אויפן טיש. משהלע מיט שרהלען האָבן די סוכה אויסגעפּוצט מיט פרוכטן און בלומען.

אַ שיינע סוכה!

ס'איז געקומען דער אָוונט. די באַלעבאָסטע האָט אָנגעצונדן ליכט אין סוכה, אַלע האָבן געגעסן אַרום טיש און געזונגען לידער. משהלע מיט שרהלען האָבן אַרויסגעקוקט דורכן סכך און געזען דעם הימל מיט די שטערן. אַ שיינע סוכה! נאָכן עסן זיינען אַלע אַריינגעגאַנגען אין שטוב זיך לייגן שלאָפן. זעט דער באַלעבאָס אַז די שטוב איז טרויעריק און ער פרעגט איר:

— וואָס ביסטו אַזוי טרויעריק? שטוב מיינע!
ענטפערט די שטוב:

— ווי זאָל איך נישט זיין טרויעריק, אַז איר האָט מיך פאַרלאָזט?...

— ווין נישט, שטוב מיינע און זיי נישט ברוגז אויף דער סוכה — זאָגט דער באַלעבאָס — די סוכה איז דאָך ביי אונדז אַ גאַסט אויף יום־טוב, און דו ווייסט דאָך אַז אַ גאַסט דאַרף מען אויפנעמען מיט אַ פריילעך האַרץ!

האָט זיך דאָס הויז פאַרשעמט.

ג

אויף מאָרגן אין דער פרי, אַז די זון האָט אָנגעהויבן שיינען, האָט דאָס הויז געזען די סוכה און האָט זיך גלייך דערמאָנט וואָס דער באַלעבאָס האָט נעכטן געזאָגט, אַז מ'דאַרף אויפנעמען אַ גאַסט מיט אַ פריילעך האַרץ. ווענדט זיך דאָס הויז צו דער סוכה:

— גוט מאָרגן, גרינע סוכה! ווי ביסטו געשלאָפן די גאַנצע נאַכט?

— אַ דאַנק — ענטפערט די סוכה — מיר איז זייער גוט געווען; אַ גאַנצע נאַכט האָבן אויף מיר געקוקט די שטערן, די לבנה האָט מיך געהיט, נאָר גאַנץ פרי איז אויף מיר געפאַלן אַ גלאַנציקער טוי.

זיינען דאָס הויז מיט דער סוכה געוואָרן חברים און האָבן זיך ליב געהאַט די גאַנצע צייט פון יום־טוב.

נאָך יום־טוב, אַז דער באַלעבאָס האָט גענומען איינוואַרפן די סוכה, האָט דאָס הויז געוויינט:

— אוי, טייערע סוכה! פאַר וואָס צענעמט מען דיך?

האָט די סוכה געענטפערט:

— ווין נישט, שיינע שטוב! איבער אַ יאָר וועלן מיר זיך נאָך אַ מאָל זען, און איצט — זיי געזונט!

— קום גיך צוריק! — האָט געזאָגט דאָס הויז — קום נאָך אַ מאָל!

אַ סוכּות־ליד

אַ סוכּהלע זיך אויפגעשטעלט,
פיר ווענט, אַ טיר, אַ דאַך
און צוגעדעקט דאָס סוכּהלע
מיט פרישן גרינעם סכך.

די ווענט באַפּוצט מיט טעפּעכער,
פענצטער — קליינע צוויי;
אויף פּאָדעם הענגען ווייַנטרויבן
און פּרוכטן אַלערליי.

טיש און בענקלעך אויפגעשטעלט,
אַלץ מיט ווייַס פאַרשפּרייט;
חלה — פריש געבאַקענע
האָט מאַמע צוגעגרייט.

די מאַמע אין איר זייַדן קלייד
און מיט אַ גוט געזיכט,
דעקט פרום די אויגן צו
און בענטשט די יום־טוב־ליכט.

סוכּות	סוכּה
סכך	חלה
יום־טוב	

וואָס קינדער ווילן זיין

איציקל וויל זיין אַ גרויסער.

אַלע קליינע קינדערלעך ווילן זיין גרויסע, איציקל אויך. אַמאָל, אַז די מאַמע לאָזט אים נישט אַוועקגיין אַליין ווייט פון שטוב, זאָגט איציקל:

— מאַמע! ווען וועל איך שוין קענען גיין אומעטום אַליין?

— ווען דו וועסט זיין אַ גרויסער, זונעלע, — ענטפערט אים די מאַמע.

— ווען זשע וועל איך שוין זיין אַ גרויסער? — פרעגט ער.

— ווען דו וועסט אונטערוואַקסן.

— איך וויל ש ו י ן זיין אַ גרויסער! — זאָגט איציקל. וואַקסן און ווערן גרויס ביזן סופים.

ווי גוט עס איז צו זיין גרויס

איציקל זעצט זיך אַוועק אויף אַ בענקעלע און טראַכט זיך, אַז ער וועט זיין אַ גרויסער, וועט זיין גוט: ער וועט קענען אויף זיין ביינאַכט לאַנג, לאַנג.

— מאַמע! — זאָגט ער — עס דאַרף נאָך געדויערן אַ סך, איך זאָל זיין אַ גרויסער?

— אַז דו וועסט עסן אַלץ, וואָס די מאַמע גיט דיר, וועט נישט דויערן לאַנג.

— וויפל מאָל דאַרף איך נאָך אָפּשלאָפן, אַז איך זאָל ווערן אַ גרויסער?

— די נאַכט און נאָך אַ נאַכט און נאָך אַ נאַכט.



— אַזוי פּיל נעכט! איך וויל נישט — זאָגט איציקל
— איך וויל שוין זיין אַ גרויסער! אַלע קינדערלעך זיינען גרויסע, נאָר איך נישט. איך בין נאָך קיין מאָל ניט געווען קיין גרויסער!...

איציקל איז שוין מער ניט קיין קליינער

איין מאָל, ביינאַכט, איציקל שלאָפט. דוכט זיך אים, אַז ער איז געוואָרן אַזוי גרויס, אַז ער טאַפּט אָן מיט די הענט דעם סופיט. דערפרייט ער זיך און לויפט אַרויס אויפן גאַס. ער שרייט:
— קינדערלעך! זעט נאָר, ווי גרויס איך בין!...
לויפן זיך אַלע קינדערלעך צונויף. קוקן אים אָן און וואונדערן זיך:
— אָ, ווי גרויס!
— ווי הויך ער איז!...
— גרעסער ווי מיין טאַטע!...
— רייס מיר אָפּ אַ צווייגל פון בוים! — בעט זיך איין יינגעלע ביי אים.
— נעם מיר אַראָפּ די פּילקע פון דאַך! — בעט זיך אַ צווייטער.
— אַז דו ביסט אַזוי גרויס, ריר נאָר אָן דעם הימל!

איציקל לאַכט, איציקל איז צופרידן. ער שטרעקט אויס די האַנט און ברעכט אָפּ אַ צווייגל פון העכסטן בוים אין גאַס, נעמט אַראָפּ פאַר איין ייִנגעלע די פּילקע פון דאַך, פאַר אַ צווייטן — די פּאַפּירענע שלאַנג פון די טע־לעגראַף־דראָטן און דערנאָך טוט ער אַ ציִ אויס די האַנט גלייך אין הימל אַריין און נעמט אַראָפּ די זון אויף דער ערד, שפּילט זיך מיט איר.

דאָס בעטל איז צו קליין

ביינאַכט. איציקל גייט אַריין אין שטוב, טוט זיך אויס, וויל זיך לייגן אין בעטעלע אַריין — עס איז קליין דאָס בע־טעלע. ער קען ניט אויסציִען די פיס. הייבט ער אָן שרייען:

— מאַמע! טאַטע! קומט נאָר אַהער. איך האָב נישט וואו צו שלאָפן, עס איז קליין דאָס בעטעלע!... — —

אַז די מאַמע מיטן טאַטן האָבן איציקלען אויפגעוועקט, האָבן זיי געזען, אַז ער איז גערעכט: דאָס בעטעלע איז טאַקע קליין און ער האָט ניט וואו אויסצוציִען די פיס. אָבער ניט דערפאַר, ווייל ער איז געוואָרן אַזוי גרויס, נאָר ווייל ער איז געלעגן אין דער ברייט פון בעטל.

פראגעס:

פאַר וואָס האָט איציקל געוואָלט זיין אַ גרויסער?

ווי מיינט איר, קינדער, איז טאַקע גוט צו זיין אַ גרוי־סער? פאַר וואָס?

וואָס האָט זיך איציקלען איין מאָל געחלומט? וואָס איז טאַקע אין דער אמתן געשען?

וועלכע זאַכן האָט איציקל געקענט טאָן אין חלום? פאַר וואָס איז ער געווען צופרידן?

קינדער, וואָס וואָלט איר געוואָלט ווערן, ווען איר וועט אויסוואַקסן?

איצט און שפּעטער

אויפגאַבע. פאַרענדיק לויטן מוסטער:

גיין	איך גיי	איך וועל גיין
לויפן		
עסן		
זאָגן		
ריידן		
פאַרשטיין		
זיצן		
שלאָפן		

איך וועל זיך

איך שפּיל זיך | איך וועל זיך שפּילן

איך לערן זיך | איך וועל זיך לערנען

איך וואַש זיך | איך וועל זיך וואַשן

איך צעשנייד זיך | איך וועל זיך צעשניידן

גרויס און קלענער

קאַץ און מויז

קינדער, קינדער, קומט אַרויס,
לאָמיר שפּילן קאַץ און מויז!
אַלע קינדער אין אַ קרייזל,
דו — אַ קעצל, איך — אַ מייזל.

האָט דאָס קעצל שאַרפֿע ציין,
איז דאָס מייזל פֿלינק און קליין,
קען דאָס מייזל לויפֿן פֿלינק,
אַז דער הויף זאָל טאָן אַ קלינג.

אַז אַ קלינג טאָן זאָל דער הויף,
אָט אַראָפּ און אָט אַרויף,
אָט אַרויף און אָט אַראָפּ,
און דאָס קעצל שטייט נישט אָפּ.

און דאָס קעצל — נאָך דער מויז,
אָט אַריין און אָט אַרויס,
נאָך אַ ווײַלע, נאָך אַ רגע,
שאַרפֿט דאָס קעצל שוין די נעגל.

אָבער פֿלינק איז אונדזער מייזל
איז דאָס ווידער שוין אין קרייזל,
און אײדער ווען און אײדער וואָס,
בלײַבט דאָס קעצל מיט אַ נאָז...

רגע

ווענדרונגען:

קינדער, קומט ארוים!

קינדער, לאמיר זיך שפילן אין קאץ און מויז!

ווער ווייס נאך ווענדונגען? קומט אריין! זעצט זיך! קומט אהער! (וועלכע נאך?)

גרוים און קליין.

באמערק:

1. קאץ — קעצל נאז — נעזל הויז —
האנט — הענטל מויז — מייזל קרייז —

זאג עפעס וואס, און נעם אריין די ווערטער:

2. איידער וואס ווען א ווײלע א רגע

אויפגאבע. ענדיק לויטן מוסטער:

ברודער — ברודערל פינגער — זייגער — שער —
שוועסטער — מעסער — טעלער — טיש —

אויפגאבע. ענדיק לויטן מוסטער:

דער ברודער — דאס ברודערל	דאס קעצל — די קאץ
די שוועסטער — — — — —	דאס מייזל — די ——
דער זייגער —	דאס הייזל — דאס ——
די שער —	דאס שוועסטערל — די ——
דער טעלער —	דאס זייגערל — דער ——
די שיף —	דאס שיפל — די ——
דאס פערד — דאס פערדל	דאס מעסערל — דאס —

א שפאס

א שטורעם אויפן „ים".
דער „ים" האט זיך איבערגעקערט.

עסן און טרינקען

אוונטברויט

איין מאָל אין אָוונט גיט די מאַמע יאַנקעלען ברויט מיט פּוטער.

זאָגט יאַנקעלע:

— איך וויל ניט קיין ברויט מיט פּוטער, איך וויל אָוונטברויט!

גיט אים די מאַמע אַן איי.

זאָגט יאַנקעלע:

— איך וויל ניט קיין איי, גיב מיר אָוונטברויט!

גיט אים די מאַמע אַ גלאָז מילך.

זאָגט יאַנקעלע:

— איך וויל ניט קיין מילך!

האָט אים די מאַמע געגעבן עפּל, באַרנעס, פּלוימען.

נאָר יאַנקעלע שרייט אַלץ אין איין קול:

— איך וויל דאָס ניט! דאָס וויל איך ניט!

— וואָס זשע ווילסטו? — פרעגט די מאַמע — אפשר דאָס טעלערל פון הימל?

— ניין — ענטפערט יאַנקעלע — איך וויל אָוונטברויט!

אפשר

פראגעס:

וועלכע זאכן האט די מאמע געוואלט געבן יאנקעלען?

פאר וואס האט אים די מאמע ניט געקענט געבן וואס ער האט געוואלט?

ווען זאגט מען געווינטלעך: „דו ווילסט דאס טעל־ערל פון הימל"?

ווער קען פון דעם מעשהלע מאכן א שפיל? דאס איז ניט שווער. איין קינד קען זיין יאנקעלע, אן אנדער קינד די מאמע. וואס פאר א געשפרעך וועט דעמאלט פארקו־מען צווישן זיי?

געווען פארנומען

די מאמע איז אריין אין שטוב.

זעט זי: ביי דער קאץ צום עק איז צוגעבונדן דער קאכלעפל.

— מאטעלע — פרעגט די מאמע — ווער האט דאס געטאן? דו?

— ניין, ניט איך, מאמע — ענטפערט מאטעלע — לייבעלע האט דאס געטאן.

— פאר וואס האסטו דאס אים געלאזן?

— איך בין געווען פארנומען.

— וואס האסטו געטאן?

— איך האב צוגעהאלטן די קאץ, זי זאל נישט אנט־לויפן.

מאַטעלע

די מאַמע איז אַוועק אין גאַס,
און איך בלייב גאָר אַליין;
ווייל איך אַ קוק טאָן אויפן טיש,
וואָס אויבן קען דאָרט שטיין.

די מאַמע האָט דאָרט אָנגעגרייט
די מילכיקע געפעס;
אַ פול קריגעלע מיט מילך,
די פוטער און דעם קעז.

און ווער ווייס וואָס דאָרט איז נאָך דאָ!
איך מוז דאָס טאַקע זען...
דער טיש איז אָבער זייער הויך,
און איך בין זייער קליין!

גיב איך אַ צי דאָס טישטעכל,
און באַלד גיט עס אַ הילך —
געפאַלן איז דאָס קריגעלע,
צעגאָסן זיך די מילך!

די מילך האַלט אין איין גיסן זיך.
פון טישל גלייך אַראָפּ,
דאָס קריגל פאַלט אַרויף אויף מיר,
און שלאָגט מיר אָפּ דעם קאָפּ.

פאַר מאַמען שרעק איך זיך אַזוי,
ווייל זי קומט באַלד דאָך אָן.
איך וויש דאָס נאַסע קעפּעלע,
און ווייס ניט וואָס צו טאָן.

דערהערט זיך באַלד דער מאַמעס טריט,
באַהאַלט איך זיך מיט שרעק;
איך וועל איר גאָרניט אויסזאָגן,
וואו איך בין איצט אַוועק...

***

די מאַמע עפנט נאָר די טיר,
דערהערט זיך מיט אַ מאָל,
ווי מאָטעלע פון ווינקעלע,
צעוויינט זיך אויפן קול...

רוף אָן די בילדלעך, שטעל צו וואו מע דאַרף: דער, די, דאָס.

אַ הויפן.

— מאַמע, גיב מיר אַ ביסל ראָזשינקעס!

— נעם, מיין קינד, אַ הויפן.

— גיב דו מיר.

— פאַר וואָס עפּעס ווילסטו אַליין ניט נעמען?

— ווייל דיין הויפן איז אַ גרעסערער.

אַ מעשׂה וועגן דעם ווי אַזוי דער הונט האָט זיך געפונען אַ חבר

א.

אַ מאָל האָט אַ הונט איינער אַליין געלעבט אין וואַלד. איז אים אומעטיק געוואָרן צו לעבן אַליין. איז ער זיך אַוועק איבערן וואַלד צו זוכן אַ חבר.

גייט ער אַזוי און גייט און באַגעגנט אַ האָז. מאַכט צו אים דער הונט:

„העזל, העזל, קום, לאָמיר לעבן אין איינעם".

ענטפערט אים דער האָז:

„לאָמיר!"

זיינען זיי אַוועק אין איינעם און האָבן געפונען אַ פיין ערטעלע אין וואַלד. און ווען עס איז נאַכט געוואָרן, האָבן זיי זיך געלייגט שלאָפן. דער האָז שלאָפט אָבער דער הונט קען קיין אויג ניט צומאַכן. האָט דער הונט אָנגעהויבן צו בילן. כאַפּט זיך אויף דער האָז און שפּרינגט אויף ניט-טויט ניט-לעבעדיק:

— „ווי געשריען! וואָס בילסטו? אַ וואָלף וועט נאָך דערהערן, וועט ער קומען און אויפעסן אונדז ביידן!"

האָט דער הונט אויפגעהערט צו בילן און אַ טראַכט געטאָן:

— „איך האָב זיך געפונען אַ שלעכטן חבר. אַ ציטעריק האַרץ האָט דער האָז. אַ וואָלף האָט מסתּמא פאַר קיינעם קיין מורא ניט."

ב.

איז דער הונט אַוועק פון האָז און געגאַנגען זוכן דעם וואָלף.

גייט ער אַזוי און גייט און באַגעגנט דעם וואָלף. מאַכט צו אים דער הונט:

— „ווייסט וואָס, וואָלף ? קום, לאָמיר לעבן אין איי־
נעם".

— „פאַר וואָס ניט ? — ענטפערט דער וואָלף, — אין צווייען איז פריילעכער".

זיינען זיי אַוועק אין איינעם און האָבן געפונען אַ פיין ערטעלע אין וואַלד. און ווען עס איז נאַכט געוואָרן, האָבן זיי זיך געלייגט שלאָפן. דער וואָלף שלאָפט אָבער דער הונט קען קיין אויג ניט צומאַכן. האָט דער הונט אָנגע־הויבן צו בילן. כאַפּט זיך אויף דער וואָלף און שפּרינגט אויף ניט־טויט ניט־לעבעדיק און שרייט אָן אויפן הונט:

— „וואָס בילסטו וואָס ? אַ בער וועט נאָך דערהערן, וועט ער קומען און דערהרגענען אונדז ביידן !"

טראַכט זיך דער הונט: „הייסט עס אַז דער וואָלף איז אויך אַ קנאַפּער העלד. דערפאַר מוז שוין דער בער גאָר זיין דער שטאַרקסטער אין דער וועלט".

ג.

איז דער הונט אַוועק פון וואָלף און געגאַנגען זוכן דעם בער. גייט ער אַזוי און גייט און באַגעגנט דעם בער. מאַכט צו אים דער הונט:

— „גוט מאָרגן אייך, ר' בער ! אפשר וואָלטן מיר גע־לעבט אין איינעם, האַ ?"

— „גוט", — האָט אַרויסגעברומט דער בער.

זיינען זיי זיך געגאַנגען אין איינעם דעם גאַנצן טאָג. און ווען עס איז נאַכט געוואָרן, האָבן זיי זיך צוגעלייגט שלאָפן. דער בער דרעמלט, אָבער דער הונט קען קיין אויג ניט צומאַכן. אין מיטן נאַכט הייבט דער הונט אָן צו בילן. כאַפּט זיך אויף דער בער און שפּרינגט אויף ניט־טויט ניט־לעבעדיק און זידלט אָן דעם הונט:

— „שטיל זאָלסטו מיר ווערן ! וואָס בילסטו וואָס ? דער מענטש וועט דערהערן, וועט ער קומען און דער־הרגענען אונדז ביידן".

טראַכט זיך דער הונט:

„דער בער איז אויך אַ קנאַפּער העלד. מע דאַרף אַ זוך טאָן דעם מענטשן".

ד.

איז דער הונט אַוועק פון בער און געגאַנגען זוכן דעם מענטשן. גייט אַזוי דער הונט און גייט איבערן גאַנצן וואַלד און געפינט ניט דעם מענטשן. איז דער הונט געקומען צום ברעג וואַלד און זיך געזעצט אָפּרוען.

איז גראָד דער מענטש געגאַנגען אין וואַלד נאָך האָלץ. איז דער הונט צוגעלאָפן צו אים און מאַכט אַזוי:

— „מענטש, מענטש, לאָמיר לעבן אין איינעם!"

ענטפערט דער מענטש:

— „טאָ קום מיט מיר!"

און דער מענטש האָט אַוועקגעפירט דעם הונט צו זיך אַהיים.

ווען עס איז נאַכט געוואָרן, איז דער מענטש איינגעשלאָפן. אין מיטן נאַכט הייבט דער הונט אָן צו בילן. אָבער דער מענטש שלאָפט ווייטער. בילט דער הונט העכער. כאַפּט זיך אויף דער מענטש און שרייט אָן אויפן הונט:

— „הינטל מיינס, דו בילסט — אַ סימן אַז דו ביסט הונגעריק, טאָ נאַ דיר עפּעס און לאָז שלאָפן".

און דער מענטש האָט געגעבן דעם הונט צו עסן. האָט דער הונט אָפּגעגעסן און זיך אַוועקגעלייגט שלאָפן.

און פון יעמאָלט אָן איז דער הונט געבליבן ביים מענטשן. און ער איז נאָך ביי אים ביזקל היינטיקן טאָג.

אַ פּלעקעלע אַריין, אַ פּלעקעלע אַרויס — די מעשה איז אויס.

פראגעס: 1) פאר וואס האט דער הונט געזוכט א חבר?
2) פאר וואס איז דער הונט ניט געבליבן מיטן האז?
3) פאר וואס איז ער אוועק פון וואלף, פון בער?
4) פאר וואס איז דער הונט געבליבן ביים מענטשן?
5) פאר וואס איז דער מענטש דער בעסטער חבר?

ווי קען מען זאגן אנדערש?

פארשרייבט: קען קיין אויג ניט צומאכן ——————
ניט-טויט ניט-לעבעדיק ——————
קנאפער העלד ——————
ביסקל ———

ווער קען באנוצן דאס ווארט: **לאמיר**?

ווענדונג: העזל, קום, לאמיר לעבן אין איינעם.

שטעל אריין דאס דורכגעלאזטע ווארט:

ריזועלע, קום, ——— בויען א הייזל פון קלעצלעך.

קינדער, קומט, ——— שפילן אין קאץ און מויז.

בערל זאגט זיין שוועסטער: איך האב געהערט, אז עס זענען פאראנען קינדער וואס קריגן זיך. ——— זיך אויך א ביסעלע צע־קריגן.

מעשה	מסתמא	מורא	א סימן	הרגענען

אויפגאבע: שטעל אויס די ווערטער לויט דער ארדענונג פון די בילדלעך: גאפל, לעפל, גלאז, מעסער, טשייניק, פענדל, שטול, מילכ־פלאש, מער, פרוכט, שיסל.

אויפשטיין



דאָס אויפשטיין

א) וואָס טוט בערעלע? ער שטייט אויף, ער וואַשט זיך, פאַרקעמט זיך די האָר, טוט זיך אָן, וואַשט די ציין, ציין, עסט פרישטיק.

ב) וואָס טוסטו אין דער פרי? זאָג אַזוי: איך שטיי אויף, איך וואַש זיך...

ג) דערצייל: ווען איך שטיי אויף אין דער פרי . . . ווי איך בין איין מאָל אויפגעשטאַנען זייער פרי. — ווי איך האָב איין מאָל פאַרשלאָפן.

ד) ווער עס שטייט אויף אין דער פרי: די מוטער, דער פאָטער, דער ברודער...

איך, דו, ער (זי)

פאַרענדיק לויטן מוסטער:		ווער ווייס?	
איך גיי	ער גייט	איך שטיי אויף	זי ——— ———
איך שרייב	ער ———	איך וואַש זיך	זי ——— ———
איך לייען	ער ———	איך זייף אָן	זי ——— ———
איך קום	ער ———	איך שווענק אויס	זי ——— ———
איך צייל	ער ———	איך וויש זיך	זי ——— ———
איך פאַרשטיי	ער ———	איך פאַרקעם זיך	זי ——— ———
איך טו	ער ———	איך טו זיך אָן	זי ——— ———
איך שפּיל	ער ———	איך אייל זיך	זי ——— ———
איך נעם	ער ———	איך לערן זיך	זי ——— ———
איך עס	ער ———	איך שפּיל זיך	זי ——— ———

ער, זי

וואו זשע בין איך?

דער קליינער שימעלע איז געווען א יינגל, אַ צעטראָ־
גענער. ער פלעגט אַלץ פאַרגעסן. יעדן פרימאָרגן, ביים
אויפשטיין פון שלאָף, האָט ער גערדאַרפט זוכן זיינע קליי־
דער, ווייל ער האָט ניט געדענקט, וואו ער האָט זיי אַוועק־
געלייגט. האָט זיי אים די מאַמע געפונען.

אַז ער האָט זיך שוין אָנגעטאָן די קליידער און די שיך,
האָט ער אָנגעהויבן זוכן די ביכער און די העפטן.
זוכן און זוכן און ניט געפינען.

— אוי וויי! — פלעגט שימעלע שרייען — ווער האָט
פאַרשלעפּט מיינע ביכער און העפטן ? !

— אַ, דו צעדרייטער קאָפּ ! — איז אים אָפט געקומען
צו הילף די שוועסטער — דו האָסט דאָך אַליין אַוועקגע־
לייגט די ביכער און העפטן אויפן פענצטער אין עסצימער.

דערווייל האָט שימעלע פאַרשפּעטיקט אין שול און
דער לערער האָט זיך אויף אים געבייזערט.

— וואָס טו איך, אַז איך זאָל מערניט פאַרשפּעטיקן ?
— האָט שימעלע געטראַכט און געטראַכט, ביז אים איז
עפּעס איינגעפאַלן.

אַז ער האָט ביי נאַכט זיך געלייגט שלאָפן אין בעט
האָט ער גענומען אַ שטיקל פּאַפּיר און האָט דערויף פאַר־
שריבן : „מיינע קליידער זיינען אויפן שטול, די שיך —
אונטערן שטול, מיין העפט איז אין בוך, דאָס בוך איז אין
טעקע, מיין טעקע — אונטערן טיש, דער טיש — אין עס־
צימער און איך אַליין בין אין בעט".

דאָס צעטעלע האָט ער אַוועקגעלייגט ביי זיך צוקאָפּנס.

אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, איז ער גלייך

אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט, האָט גענומען דאָס צעטל און געלייענט מיט שמחה:

„מיינע קליידער זיינען אויפן שטול" — זיי זיינען דאָ; „מיינע שיך — אונטערן שטול" — זיי זיינען אויך דאָ; „מיין העפט איז אין בוך" — גוט! „מיין בוך איז אין טעקע" — ס'קאָן זיין; „מיין טעקע — אונטערן טיש" — ס'איז דאָ! „דער טיש איז אין עסצימער" — ס'איז דאָ! „און איך אַליין בין . . . אין בעט"?

שימעלע גלאָצט מיט די אויגן און קוקט אין בעט — עס איז ליידיק! טאַפּט ער דאָס בעט, נעמט אַראָפּ די קאָלדרע, הייבט אויף דאָס קישן — ער איז אַלץ ניטאָ.

— גוואַלד, גוואַלד! — שרייט שימעלע אויס אַ פּאַרוואונדערטער — וואו זשע בין איך אַליין?

שמחה



אַזאַ יינגל ווי שימעלע איז געווען איז אַ שלימזל.

יידיש איז אַנדערש ווי ענגליש

קוקן און זוכן

פֿאַרבייט ניט די ווערטער **קוקן און זוכן**.

גערענק: וויל איך געפֿינען — **זוך איך**; האָב איך פֿאַר די אויגן — **קוק איך**.

לייען איבער עטלעכע מאָל דאָס וואָס איז ווייטער אָנגעשריבן, וועסטו זיך אויסלערנען דעם אונטערשייד צווישן קוקן און זוכן.

1) איך קוק אויפֿן בילד. 2) איך קוק ווי די קינדער שפּילן זיך. 3) איך קוק אויפֿן טאָוול און לייען.

1) איך זוך מיין ברודערל, וויל איך ווייס ניט וואו ער איז; 2) איך זוך מיין העפֿט; 3) שימעלע זוכט זיינע קליידער און קען זיי ניט געפֿינען; 4) דאָס ייִנגעלע זוכט זיין מאַמען.

אויפֿגאַבע. אויפֿן אָרט פֿון שטריך שטעל אַוועק וואו מע דאַרף קוקן אָדער זוכן.

1) איך —— די שיך; 2) די מאַמע —— ריוועלען און קען זי ניט געפֿינען; 3) אַז מע גייט אַריבער די גאַס, דאַרף מען —— אין אַלע זייטן; 4) איך —— אין בוך אַ מעשה וועגן אַ פֿייגעלע; 5) ער —— אויף אים און קען אים ניט דערקענען 6) דאָס הינטל איז פֿאַרלאָרן געגאַנגען און מיר —— אים אין אַלע גאַסן; 7) דער טאַטע —— אַרבעט; 8) איך שטיי ביים פֿענצטער און —— אויף די מענטשן אין גאַס; 9) איך —— אויף די בילדער אין בוך.

זאָג עס אויף יידיש.

1. I am looking for my little sister. Did you see her? 2. Frieda lost her hat. She is looking for it. 3. Anna is looking through the window. 4. Mary is looking for her book in her brother's desk. 5. The little boy is looking for his father's hammer.

רעטענישן און וויצן

1. עס האָט ציין און בייסט ניט. וואָס איז דאָס?

2. מיט זיינע קלעפּ האָט ער נאָך קיינעם ניט אָנגערירט. ווער איז ער?

3. ער וויל זען.

אַ יינגעלע איז אַמאָל געשטאַנען פאַר אַ שפּיגל מיט פאַרמאַכטע אויגן.

האָט מען אים געפרעגט, וואָס ער טוט. האָט ער געענטפערט:

— איך וויל זען, ווי איך זע אויס אין שלאָף.

4. וואָס איז וואַסער?

לערערין: זאָג מיר, בערעלע, וואָס איז אַזוינס וואַסער?

בערעלע: וואַסער איז אַ זאַך וואָס ווערט שוואַרץ, ווען מען לייגט אין דעם אַריין די הענט.

5. טרעפט וואָס איז דאָס?

וואו מע שטעלט מיך, שטיי איך,
וואָס מע ווייזט מיר, זע איך.
אַ מאָל הענג איך אויף דער וואַנט.
איך בין יעדערן באַקאַנט.

מע קוקט אין מיר אַריין
וואו איך זאָל ניט זיין.
איך גלאַנץ און איך בין גלאַט,
און מאַך נאָך יעדערן אַקוראַט.

6. אַ האַנטעך און אַ נאָז.

— וואָס איז דער אונטערשייד פון אַ האַנטעך ביז אַ נאָז?

— אַ האַנטעך איז צו ווישן דעם פּנים, און אַ נאָז איז צווישן די אויגן.

באַלמעלאָכעס

זיסעלע און ניסעלע
אויסגעבאָדן קלאָר —
ריינינקע די פיסעלעך,
צוגעקעמט די האָר,
אָפּגעשאָרן נעגעלעך,
אויסגעפּוצט זיי ריין —
קען מען אָבער שפּאַצירן
נאַקעטע ניט גיין.

שניידער, שניידער, נייטאָרין —
שניידט גיכער מיט דער שער!
ברענגט מיר פאַר די קינדערלעך
העמדעלעך אַהער!
און הייזעלעך פאַר ניסעלען,
אַ קליידעלע פאַר זיסעלען
ברענגט מיר איינס און צוויי!
עס איילן זיך די קינדערלעך,
שפּאַצירן ווילן זיי.



די העמדעלעך, דאָס קליידעלע
די הייזלעך אָנגעטאָן,
נאָר באָרוועסע די פיסעלעך —
וואָס זשע זאָל מען טאָן ?
זאָקן, זאָקן־שטריקערין !
שטריק אויס זעקלעך גיך !
שווער אויף פיסלעך באָרוועסע
אָנצוטאָן די שיך.

אָנגעטאָן די זעקעלעך, —
לויפט צום שוסטער נאָר,
וועט ער מאַכן שיכעלעך
שיכעלעך צוויי פאָר.
ברענגט דער שוסטער שיכעלעך,
ברענגט דער בעקער קיכעלעך,
ברענגט די מאַמע טיי —
און דער קירזשנער היטעלעך
טראָגט אַריין פאַר זיי.

שניידער גיב די מאַנטעלעך !
— נעמט זיי ! — זייער שיין !
קענען שוין די קינדערלעך
איצט שפּאַצירן גיין.

אין דאָרף

דערציייל וואָס דו זעסט אויפן בילד.

ציג און וואָלף

אויף דער גרינער לאָנקע
שפּרינגט אַ ציגעלע אַ ווייס,
גיט אַ צופּ אַ גרעזל גרין,
שפּרינגט אַהער און שפּרינגט אַהין,
יאָגט זיך מעקענדיק אין קרייז.

פון דעם גרינעם וועלדל
קומט דער בייזער וואָלף צו גיין,
מיט די אויגן בליצט ער ווילד,
מיט די ציינער קריצט ער ווילד,
פּאַקט דאָס ציגעלע, דאָס קליין.

— וועלפל, האָב רחמנות!
וויינט דאָס ציגעלע אין שרעק;
— מיט די ציינער ביים מיך ניט,
עס מיך ניט, צעריים מיך ניט,
לאָז מיך אָפּ און גיי אַוועק!

אָבער פון דער וויטן
צילט אַ יעגער שטילערהייט,
טוט זיין ביקס אַ הויכן קנאַל.
גיט דער בייזער וואָלף אַ פאַל.
טאַנצט דאָס ציגעלע פאַר פרייד.

רחמנות



הענדל־קרייער

רייזעלע מיט איר טאַטן און מאַמען האָבן געוואוינט צווישן גרויסע, הויכע בערג. דאָרטן האָבן זיי געהאַט אַ סך, אַ סך ווייסע און ברוינע און גרויע הינער, הענער, קאַטשקעלעך און גענדז.

איז צווישן די הענער געווען אַ יונג ברוין הענדל, וואָס פלעגט קרייען העכער פון אַלע, מיט אַ קוויטשל: קו־קו־רי־קו! קו־קו־רי־קו!

האָט אים רייזעלע דערפאַר גערופן „הענדל־קרייער״.

רייזעלע האָט דאָס הענדל זייער ליב געהאַט. זי פלעגט אים אַלע מאָל וואַרפן קערנער צום פּיקן און שטיקלעך ברויט, און אַ מאָל פלעגט זי אים ברענגען אַ שטיקל לעקעך אויך.

האָט שוין הענדל־קרייער זייער גוט געקענט רייזעלען און פלעגט איר באַלד לויפן אַנטקעגן, ווי נאָר ער האָט זי דערזען.

אָפט פלעגט טרעפן, אַז אַרויסקומענדיק גאַנץ פרי פון הויז צו גיין אין שול, פלעגט רייזעלע זען: הענדל־קרייער שטייט אויפן גאַניקל. ער פלעגט זי באַגריסן מיט זיין גוטמאָרגן־קו־קו־רי־קו, און באַלד זוכן קערנדלעך, וואָס זי פלעגט צוגרייטן פאַר אים.

* * *

טרעפט זיך איין מאָל אַ טאָג, ווען מע גייט ניט אין שול, קומט רייזעלע אַרויס אין דרויסן, גייט אַרום צווישן די הינער און הענער. הערט זי: אַלע הינער און הענער קרייען און קוואָקען, נאָר הענדל־קרייערס קו־קו־רי־קו הערט זי נישט.

לויפט זי ווידער אַרום צווישן אַלע הינער און הענער און קאַטש-

קעם און געגדז, זוכט און רופט איר הענדל־קרייער און קאָן אים נישט געפינען.

גייט זי שוין מיט אַ געוויין צו דער מאַמען:

— דאָס ברוינע הענדל איז נישטאָ! וואו איז מיין הענדל־קרייער? וואָס האָסטו מיט אים געטאָן?

דערשרעקט זיך די מאַמע אויך און לויפט אים שוין זוכן. זוכט מען און מע זוכט אומעטום, און מע קאָן אים נישט געפינען.

גייען זיי אַזוי ביידע, רייזעלע און די מאַמע, ביז זיי קומען צום פעלד. דערזעען זיי פּלוצעם הענדל־קרייערס פליגעלעך און זיינע פע־דערן וואָס זיינען צעשאָטן איבערן פעלד.

זאָגט די מאַמע:

— דאָס האָט אים אַ רויבפויגל אוועקגעשלעפּט אין פעלד אריין און אים אויפגעגעסן, און נאָר די פעדערן און די פליגעלעך האָט ער איבערגעלאָזט...

האָט רייזעלע זייער ביטער געוויינט. און געוויינט האָט זי אַזוי לאַנג, ביז די מאַמע האָט איר צוגעזאָגט צו קויפן אַן אַנדער הענדל, אויך אַ ברוינס, און נאָך אַ שענערס און אַ גרעסערס.

אָבער רייזעלע האָט נאָך אַ לאַנגע צייט געבענקט נאָך איר הענדל־קרייער און אים אַלץ נישט געקאָנט פאַרגעסן...

פראַגעס:

1. פאַר וואָס האָט הענדעלע געהייסן הענדל־קרייער?

2. ווער קען געפינען די שטעלן, וואָס דערציילן ווי רייזעלע און הענדעלע האָבן זיך ליב געהאַט?

3. פון וואַנען האָט רייזעלע געוואוסט, אַז הענדל־קרייער לעבט שוין נים מער?

4. וואָס האָט די מאַמע צוגעזאָגט רייזעלען, אַז רייזעלע זאָל אויפהערן וויינען?



פלי, פייגעלע, פלי

פייגעלע, פייגעלע,
פלי גיכער אַהיים.
דיין נעסטעלע ברענט,
דיינע קינדער — אַליין!

ברענג מיט זיך וואַסער,
טראָפּנדלעך טוי, —
די זוניקע פלאַמען
דאָרט ברענען אַזוי!

און עס וויגט זיך די נעסט
אין די פלאַמען דאָרט אום,
אַ צעשראָקענע בין רופט נאָך הילף
מיט איר זשום:

דיינע קינדערלעך וויינען,
טי־טי און טי־טי,
דיין נעסט אין סכנה,
פלי, פייגעלע, פלי!

סכנה

ווי קען מען זאָגן אַנדערש?

איז אין סכנה — איז אין געפאַר.

זוניקע פלאַמען — פלאַמען פון דער זון, די הייסע שטראַלן פון דער זון.

רופט נאָך הילף — רופט עמעצער זאָל העלפן.

אַ מעשה פון אַ האָנדרעלע

די גרייס פון אַ מאַנדרעלע

געווען אַמאָל אַ זיידע מיט אַ באָבען. האָבן זיי ניט געהאַט קיין קינדערלעך. געווען ביי זיי נאָר אַ האָנדרעלע די גרייס פון אַ מאַנדרעלע.

עסט דער זיידע ביים טיש. עסט די באָבע ביים טיש, און האָנדרעלע־מאַנדרעלע גייט אַרום אויפן טיש.

קומט איין מאָל אַ סוחר אַ מוכר מיט אַ לאַנגער קאַפאָטע און רופט זיך אָפּ:

— זיידע־זיידעצע, באָבע־באָבעצע, פאַרקויפט מיר האָנדרעלען־מאַנדרעלען.

די באָבע זאָגט:

— פאַר קיין געלט ניט.

און דער זיידע זאָגט:

— וואָס וועסטו געבן?

האָט אַרויסגענומען דער סוחר דער מוכר און אָנגעשאָטן דעם זיידן אַ פולע קעשענע מיט ניס. צוגענומען האָנדרעלען אין טאָרבע און אַוועק מיט אים אַהיים.

געקומען דער סוחר דער מוכר אַהיים, רופט ער זיך אָן צו זיין ווייב:

— מומע־פרומע, זעסט, איך האָב געקויפט אַ האָנדרעלע די גרייס ווי אַ מאַנדרעלע. פוץ עס אויס, גלעט עס אַרום, טו עס אָן אין שיינע שיכעלעך און שטעל עס אַוועק אין ווינקעלע אויפן טיש, וועט עס מיר זינגען.

דער סוחר דער מוכר האָט זיך באַזעצט אין זיין ווייכן פאָטערשטול און רייכערט זיך די ליולקע.

רופט זיך אָן האָנדרעלע־מאַנדרעלע:

— קוקורו־קוקורו!
סוחר דו! מוכר דו!
פיר מיך אָפּ אַהיים, איך וויל צום זיידן!
איך וויל צו דער באָבען!

רופט זיך אָן דער סוחר דער מוכר:

— דיין זיידע איז אַ דיידע, דיין באָבע איז אַ שקראַבע, זיי ביי אונדז. אָט גיי איך, וועל איך דיר ברענגען לעקעכלעך און צוקער.

דער סוחר איז אַוועק. האָט גענומען האָנדעלע־מאָנדעלע, אַרויפגעפלויגן צום סוחר אויפן בעט און צעטראָטן די לאָקשן, אַרויפגעפלויגן אויפן טיש און צעגאָסן דעם טינט. דערנאָך האָט ער אויסגעפּיקט אין פענצטער אַ קליין לעכעלע און זאָגט:

— קוקוריקו! קוקוריקו!
קומט דער סוחר — טוט אַ קוק,
קומט דער פויגל — טוט אַ פּיק,
קומט די באָבע — טוט אַ שמעק,
פליט דאָס האָנדעלע אַוועק.

און האָנדעלע איז דורכן קליינעם לעכעלע אַרויסגעשפּרונגען און אַוועקגעלאָפן אַהיים.

געקומען צום שטיבעלע, קלאַפּט האָנדעלע אין טירעלע:

— טוק — טוק!
פרעגט דער זיידע: — ווער איז?
פרעגט די באָבע: — ווער איז?
זאָגט האָנדעלע־מאָנדעלע: — ס'איך!
און איז אַריינגעפלויגן אין שטיבעלע.

האָבן זיך דער זיידע מיט דער באָבען זייער דערפרייט.
האָט דערלאַנגט די באָבע אַ טאָפּ מיט קאַשע.
עסט דער זיידע ביים טיש. עסט די באָבע ביים טיש.
און האָנדעלע־מאָנדעלע גייט אַרום אויפן טיש.
אָפּגעגעסן, זאָגט דער זיידע:

— האָנדעלע־מאָנדעלע, קיש־קיש־קיש,
פלי אַראָפּעט פונעם טיש!
זי איז באָבע, איך בין זיידע,
לאָמיר גיין אַ טענצל ביידע!

זיינען זיי אַוועק אין דרייען אַלע טאַנצן. —
דאָס איז די מעשה אין גאַנצן.

סוחר

איך, דו, ער, זי

אויפגאַבע.

ענדיק לויטן מוסטער:

איך לויף — דו לויפסט
איך גיי — דו גייסט
איך וויל —
איך קום —
איך לייען —
איך שרייב —
איך דערצייל —
איך נעם —
איך פאַרשטיי
איך מאַך —
איך ברענג —

דו גייסט — ער גייט
דו וואוינסט — ער וואוינט
דו קוקסט —
דו פליסט —
דו זאָגסט —
דו טרינקסט —
דו וואַשסט —
דו קעמסט —
דו שרייבסט — זי שרייבט
דו לייענסט — זי ______
דו דערציילסט — זי ______
דו לויפסט — זי ______.



איר האָט דאָ זייערע בילדער. שטעלט אויס ריכטיק די אותיות וועט איר באַקומען זייערע נעמען.

עשפס	וק רעפד	לעצק בעלערע	טונה גיצ	רעוועווקע

אַלע אַרבעטן, אַלע מיען זיך



דערציי׳ל וואָס דו זעסט אויף די בילדער.

אונדזער שול



אַ ייִדיש מיידעלע

איך בין אַ ייִדיש מיידעלע,
דאַרף איך ייִדיש ריידן;
ווי מיין טאַטע־מאַמע רעדט
מיט מיין באָבע זיידן.

ייִדיש שרייבן, ייִדיש לייענען
און אויף ייִדיש שפּילן;
ייִדיש לאַכן, ייִדיש וויינען,
און אויף ייִדיש פילן.

לאָמיר אַלע קינדערלעך
אין דער שול איצט גיין;
וועלן מיר דאָרטן לערנען.
ייִדיש צו פאַרשטיין.

ייִדיש שרייבן, ייִדיש לייענען,
און אויף ייִדיש שפּילן;
ייִדיש לאַכן, ייִדיש וויינען,
און אויף ייִדיש פילן.

אליין — אַן דער לערערין

היינט, אַז מיר זיינען געקומען אין שול, האָבן מיר דערזען, אַז אויפן טאָוול אין אונדזער קלאַס איז אָנגעשריבן אַזוי:

„קינדער! מיין מוטער איז קראַנק, — וועל איך קומען שפּעטער. איך בעט די קינדער זיצן רואיק, שטיל — און שרייבן פון ביכל. אייער לערערין".

אַלע קינדער האָבן שטאַרק רחמנות געהאַט אויף דער לערערין.

די קינדער האָבן אַרויסגענומען די ביכלעך און די העפטן — און שטיל איבערגעשריבן.

קיינער האָט ניט געטומלט, קיינער האָט ניט געשטערט.

דערנאָך זאָגט פריידעלע, די עלטסטע שילערין ביי אונדז אין קלאַס:

— לאָמיר זיך צונויפלייגן מיט געלט, וועלן מיר גיין און קויפן בלומען פאַר דער לערערין.

האָבן אַלע קינדער געגעבן געלט — יעדערער וויפל ער האָט געהאַט.

איז אַוועקגעגאַנגען פריידעלע מיט נאָך אַן עלטערער מיידל אין אַ בלומען-געשעפט, און זיי האָבן געקויפט פאַר דעם גאַנצן געלט עטלעכע בלומען: צוויי שיינע רויזן, עטלעכע „ברידער-און-שוועסטערלעך" און „פאַרגעס-מיך-ניט".

דער גאַנצער קלאַס האָט זיך געפרייט.

מיר האָבן אַריינגעשטעלט אַלע בלומען אין אַ קריגעלע מיט וואַסער — און אַוועקגעשטעלט ביי דער לערערין אויפן טיש.

מיר האָבן אָנגעשריבן אַ צעטעלע און אַוועקגעלייגט צווישן די בלומען.

אין צעטעלע האָבן מיר אָנגעשריבן: „מיר האָבן געפאָלגט דער לערערין, מיר האָבן די לערערין זייער ליב".

רחמנות

פראַגעס: 1) פאַר וואָס זיינען די קינדער געזעסן שטיל, ווען די לערערין איז ניט געווען אין קלאַס? 2) ווי האָבן די קינדער געוויזן, אַז זיי האָבן די לערערין ליב?

אַ לידעלע אַז מען שניצט אַ בלייער

שניץ, מעסער,
בעסער שניץ,
שאַרף דעם בלייער,
מאַך אַ שפּיץ.

שאַב, שאַרף,
שאַרף, שאַב,
ניט צו דין,
ניט צו גראָב,

ניט צו קורץ,
ניט צו לאַנג, -

שוין.
שיין.

שאַרף.
אַ דאַנק!



אויפגאַבע. שרייב איבער דאָס לידל אין העפט. גיב אַכטונג ווי אַזוי דו שרייבסט דעם לאַנגן ף און דעם לאַנגן ץ.

אויפגאַבע. איבערשרייבן און צושטעלן די פאַרפעלטע ווערטער:

איך לייען אַ ...	טינט
איך שרייב מיט אַ ...	בוך
איך מעק אָפּ מיט אַ ...	בלייפעדער
אין טינטער איז מער ניטאָ קיין ...	מעקער



אויפגאַבע: שטעל אויס די ווערטער לויט דער אָרדענונג פון די בילדלעך: טינטער, שערל, העפט, ווירע, פּאַפּ, קריידל, פּענדזל.

שפּילצייג און שול־מכשירים



די שול, דער טאָוול, דער טינטער, די טינט, דער העפט,
דאָס בילד, די צייטונג, דער בריוו.

שרייב אַרויס באַזונדער די שפּילצייג און באַזונדער די שול־מכשירים.

רעטעניש

אַלץ וואָס שילער באַדאַרפֿן — פֿאַרמאָגט עס,
וואָס מע לייגט אין דעם אַריין — טראָגט עס.
סע גייט אין שול אַריין יעדן טאָג.
אויב דו ווייסט,
ווי אַזוי סע הייסט, —
זאָג!

[illegible]

אַ פֿייגעלע

איין מאָל אין אַ פֿרייטיק זענען מיר געגאַנגען אַהיים עטלעכע ייִנגלעך מיט אַ מאָל. געגאַנגען זענען מיר גיך, ווייל מיר זענען געווען הונגעריק.

פּלוצעם האָט איינער פֿון אונדז אויסגעשריגן: „אוי, אַ פֿייגעלע!" — און מיר האָבן זיך אַלע אָפּגעשטעלט.

אַ קליין, יונג פֿייגעלע איז געזעסן אויף דער ערד מיטן קעפּעלע אַרויף.

דאָס פֿייגעלע האָט געציטערט, געמאַכט מיט די פֿלי־געלעך, געעפֿנט אַלע מאָל דאָס געלע שנעבעלע, ווי אַ קליין קינד וואָס וויל עסן.

און עס האָט זיך אויפֿגעכאַפּט ביי אונדז אַ געפֿיל פֿון רחמנות, און מיר האָבן אָנגעהויבן קלערן: וואָס טוט מען מיטן פֿייגעלע? דער האָט געזאָגט: מע דאַרף עס לאָזן

זיצן אויף דער ערד, ביז דעם פייגעלעס מאַמע וועט קומען. דער האָט געגעבן אַן עצה, מע זאָל עס געבן אַ וואָרף אין דער הייך, וועט עס אַוועקפליען, און דער האָט געזאָגט, אַז מע דאַרף דאָס נעמען אַהיים.

און מיר האָבן געבראַכט דאָס פייגעלע אַהיים, פאַרגעסן אַז מיר זענען הונגעריק, עס געגעבן וואַסער און — דאָס פייגעלע האָט אַזוי לאַנג געציטערט, געפינטלט מיט די אייגעלעך, געטרייסלט זיך און געפלאַטערט ביי אונדז אין די הענט, ביז עס האָט פאַרוואָרפן דאָס קעפּעלע אויף אַ זייט, די אייגעלעך פאַרמאַכט און... ס'איז געווען טויט.

אין אַ האַלבער שעה אַרום האָבן מיר אויסגעגראָבן אין גאָרטן אַ טיף גריבעלע, איינגעוויקלט דאָס פייגעלע אין אַ נאָזטיכל, אַריינגעלייגט דאָס פייגעלע אין גריבעלע, פאַרשאָטן מיט זאַמד און געשטעלט דערויף אַ צאָם — אַ ברעטעלע מיט אַן אויפשריפט: דאָ ליגט דאָס קליינע פייגעלע.

און אָנגעשריבן אַלע נעמען פון די וואָס זענען דערביי געווען: בערל, יאָסל, דוד, הערשל...

1. געציטערט — trembled. 2. שנעבעלע — beak. 3. רחמנות (ראַכמאָנעס) — pity. 4. עצה (אייצע) — advice. 5. געפינטלט — winked. 6. געטרייסלט זיך — shook. 7. געפלאַטערט — flattered.

עצה	דוד	רחמנות	שעה

פראַגעס: פאַר וואָס האָבן די קינדער רחמנות געקראָגן אויפן פייגעלע? 2) איז געווען גערעכט דער יינגל, וואָס האָט געזאָגט מען זאָל לאָזן דאָס פייגעלע ביז די מאַמע וועט קומען? 3) ווי האָבן די קינדער געוויזן זייער ליבע צו דעם פייגעלע נאָך דעם ווי עס איז געשטאָרבן?

דאָס טאָגבוך פון אַ פוילן יינגל

מאָנטיק. היינט בין איך ניט געגאַנגען אין שול. די ציין האָבן מיר וויי געטאָן.

דינסטיק. פאַרשפּעטיקט. די מאַמע איז געווען קראַנק.

דאָנערשטיק. דער קאָפּ האָט מיר וויי געטאָן.



פרייטיק. ניט געמאַכט די היים-אַרבעט. איך האָב געדאַרפט אַכטונג געבן אויף מיין קליינעם ברודערל.

דערציייל וואָס דער יינגל האָט אין דער אמתן געטאָן.

הלל

אַמאָל איז געווען אַ ייד. זיין נאָמען איז געווען הלל. הלל האָט ניט געקענט לערנען. ער האָט געוואָלט לערנען, אָבער ער איז געווען אָרעם, זייער אָרעם. ער האָט ניט געהאַט קיין געלט צו צאָלן פאַרן לערנען. וואָס האָט הלל געטאָן? איז ער אויפגעשטאַנען יעדן טאָג גאַנץ פרי און איז געגאַנגען אין וואַלד. אין וואַלד האָט ער אָנגעהאַקט האָלץ. דאָס האָלץ האָט ער געבראַכט אין שטאָט. אין שטאָט האָט ער דאָס האָלץ פאַרקויפט. פאַרן געלט האָט ער געקויפט ברויט. ברויט פאַר זיין ווייב און קינדער און פאַר זיך, און אים איז נאָך געבליבן אַ ביסל געלט צו צאָלן פאַרן לערנען.

איין מאָל, ווינטער, האָט הלל ניט געקענט גיין אין וואַלד אַריין. עס איז געווען אַ גרויסער שניי. האָט הלל געזאָגט:

— „וואָס טוט מען? איך האָב היינט ניט קיין געלט. איך קען היינט ניט גיין זיך לערנען. אָבער איך וויל לערנען. וואָס טוט מען?"

האָט הלל געטראַכט: — „איך וועל גיין אין שול, אפשר וועט מען מיך אַריינלאָזן אָן געלט". איז הלל אַוועק אין שול. אָבער ביי דער טיר איז געשטאַנען אַ מאַן. דער מאַן האָט געזאָגט:

— „אַלע דאַרפן צאָלן פאַרן לערנען, דו דאַרפסט אויך צאָלן". און הלל האָט ניט געקענט אַריינקומען אין שול.

אָבער הלל האָט געוואָלט לערנען. וואָס זשע האָט ער געטאָן? איז ער אַרויף אויפן דאַך. אויפן דאַך איז געווען אַ דאַכפענצטער. האָט הלל וועקגעשאַרט דעם שניי, זיך געלייגט ביים דאַכפענצטער, און זיך צוגעהערט וואָס דער רבי לערנט מיט די תלמידים. און דער שניי פאַלט און פאַלט און פאַרדעקט הללן. און הלל ליגט אונטערן שניי און הערט זיך צו צום לערנען. עס איז אים אַזוי גוט, אַזוי גוט. הלל פילט ניט דעם שניי, ער פילט ניט אַז ס'איז קאַלט. ער ליגט און פאַרשטעלט דאָס פענצטער. איז אין שול ניט אַזוי ליכטיק ווי אַלע מאָל.

וואונדערט זיך דער רבי: „פאַר וואָס איז ניט ליכטיק? פאַר וואָס איז ניט אַזוי ליכטיק ווי אַלע מאָל?" האָט ער אַ קוק געטאָן צום דאַכפענצטער און האָט געזאָגט: — „ביים דאַכפענצטער ליגט אַ מענטש!"

באלד זיינען די תלמידים ארויף אויפן דאך. זיי האבן אפגעשארט דעם שניי און דערזען הלל'ן. ער איז געווען האלב פארפרארן. האבן זיי אים אריינגענומען אין שול. זיי האבן אים געווארעמט און געוואַ־רעמט, ביז ער איז געקומען צו זיך. אלע האבן זייער ליב געקראגן הלל'ן. איצט איז ער שוין געגאנגען אין שול אן געלט. ער האט שוין ניט געדארפט צאלן פארן לערנען. ער האט זיך געלערנט און געלערנט און איז געווארן ביי יידן א גרויסער געלערנטער.

רעטענישן

א.

וויים געקליידט,
שווארץ געניים,
וואו מע שיקט עס,
רעדט עס רייד.
וואס איז דאס?

ב.

וויים געשפרייט,
שווארץ געזיים,
ווער עס זיים,
דער פארשטייט.
וואס איז דאס?

(א פעדער, א טינטער, א בוך, א בריוו, א בלייפעדער)

אין שול

אויפגאבע. איבערשרייבן און צושטעלן די פארפעלטע ווערטער:

דער לערער שרייבט אויפן ———	בילדער
די קינדער שרייבן אין די ———	טינט
אויפן טיש שטייט א טינטער מיט ———	העפטן
אויפן וואנט הענגען ———	טאוול

אין דער היים

מיין מאמע זיצט און שרייבט א ———	צייטונג
דער טאטע לייענט א ———	בריוו
מיין שוועסטערל מירל שפילט זיך מיט איר ———	בילדער
איך קוק אריין אין א בוך מיט שיינע ———	ליאלקע

רעטעניש

זיבן ברידער האָבן יעדערער צו איין שוועסטער. ווי פיל שוועסטער האָבן זיי?

1	1	1
2	2	2
3	3	3

שטעל פונאַנדער די ציפער אַזוי, אַז די סומע פון די ציפער אין אַלע זייטן זאָל זיין גלייך.

שפּאַס־אויפגאַבע:

משה האָט 6 עפּל, ער וויל נאָך 4. וויפל עפּל האָט איצט משה?

אַ העלפט פון פינף

דער לערער האָט געפרעגט בערעלען:

— זאָג מיר, בערעלע, וויפל איז אַ העלפט פון פינף?

בערעלע האָט געטראַכט און געטראַכט און נישט געקענט ענטפערן.

האָבן די קינדער געלאַכט פון אים.

— ווי ווייסטו דאָס ניט וויפל עס איז אַ העלפט פון פינף?

האָט בערעלע גענומען וויינען.

— וואָס הייסט איך ווייס ניט? איך ווייס, נאָר דער לערער איז קיין מאָל ניט צופרידן. זאָג איך 2, זאָגט ער ס'איז צו ווייניק, זאָג איך 3, זאָגט ער ס'איז צו פיל!

ס'איז פינצטער

מ אַ מ ע: פערעלע, ס'איז צייט צו מאַכן די היימאַרבעט.

פ ע ר ע ל ע: ס'איז פינצטער, מאַמע.

מ אַ מ ע: אַז ס'איז פינצטער, טאַ מאַך ליכטיק.

פ ע ר ע ל ע: וואו איז דער לאָמפּ?

מ אַ מ ע: ער איז אויפן טיש, ביי דיין רעכטער האַנט.

פ ע ר ע ל ע: אַז ס'איז פינצטער, טאַ ווי קען איך זען וואו ס'איז מיין רעכטע האַנט און וואו ס'איז מיין לינקע האַנט?

אויפגאַבע

איך גיי	ער גייט	דו גייסט	איך לערן	דו לערנסט	זי לערנט
איך לויף			איך בלייב		
איך פאַל			איך ברענג		
איך זיץ			איך פאָר		
איך עפן			איך וואַש		
איך קום			איך שרייב		
איך דאַרף			איך צייל		
איך שלאָף			איך קום		
איך מאַך			איך שטיי		
איך לאַך			איך קלאַפ		
איך נעם			איך קאָך		

איך וויל — דו ווילסט — ער וויל	איך האָב — דו האָסט — ער האָט
איך וועל — דו וועסט — ער וועט	איך בין — דו ביסט — ער איז

אַ וויץ

אַ ייִנגעלע איז געגאַנגען מיט דער מאַמען שפּאַצירן. ער איז אַוועקגעלאָפן פאַרוים און פאַרלאָרן זיין מאַמע. גייט ער אַרום און זוכט זי. פרעגט ער ביי אַלע מענטשן:

— אפשר האָט איר געזען אַ מאַמע אָן אַ ייִנגעלע?

ווער בין איך?

איך האָב ניט קיין פיס און גיי,
איך האָב ניט קיין מויל און צייל,
איך האָב ניט קיין הענט און שלאָג.

עסטע די פּעסטע

עסטע די פּעסטע — ער האָט מיך אַ שטופּ געטאָן.
האָט אַזאַ מין טבע, — זי האָט מיך אַ צופּ געטאָן.
רירט מען זי נאָר אָנעט, — ער האָט מיך אַ ביס געטאָן.
וויינט זי און זי רעוועט. — זי האָט מיך אַ ריס געטאָן.

לויפּט צו דער לערערקע, „ראַטמעד", „זיאַטמעד" —
הייבט זיך אָן צו קלאָגן: סע זשוושעט אַזש אין קאָפּ!
— ער האָט מיך געהרגעט, — עסטע די פּעסטע,
— זי האָט מיך געשלאָגן. טשעפּע זיך אָפּ.

לערן זיך אויס שרייבן דעם אלף־בית

א ב ג ד ה ו ז ח

ט י כ ך ל מ ם

נ ן ס ע פּ פֿ ף

צ ץ ק ר ש ת

די זון און די לבנה

אַז גאָט האָט באַשאַפֿן די וועלט, איז געווען פֿינצטער. ער האָט באַשאַפֿן דעם הימל, ער האָט באַשאַפֿן די ערד און ס'איז געווען פֿינצטער.

האָט גאָט געזאָגט: — זאָל ווערן ליכטיק! איז געוואָרן ליכטיק. האָט ער באַשאַפֿן די זון, אַז זי זאָל שיינען בייטאָג, און די לבנה און די שטערן, אַז זיי זאָלן שיינען ביינאַכט. אַז די זון און די לבנה זיינען באַשאַפֿן געוואָרן, זיינען זיי ביידע געווען גלייך. די לבנה איז געווען אַזוי גרויס ווי די זון און האָט געשיינט ווי די זון.

האָט די לבנה געטראַכט: — פֿאַר וואָס זאָל איך און די זון זיין גלייך? איך וויל זיין גרעסער ווי די זון. איך וויל געבן מער ליכט ווי די זון!

איז זי געקומען צו גאָט און האָט געזאָגט:

— פֿאַר וואָס, גאָט, האָסטו געמאַכט די זון אַזוי גרויס ווי מיך? פֿאַר וואָס שיינט זי אַזוי שיין ווי איך?

האָט גאָט געזען, אַז די לבנה איז שלעכט, אַז זי וויל זיין גרעסער און שענער ווי די זון, האָט ער געזאָגט:

— ביסט גערעכט, לבנה, ביסט גערעכט. עמעצער פֿון אייך ביידע מוז ווערן קלענער. וועסטו, לבנה, ווערן קלענער.

און ווי גאָט האָט דאָס אַרויסגעזאָגט, איז די לבנה באַלד געוואָרן קלענער.

אַז די לבנה איז געוואָרן קלענער, איז זי געוואָרן טרויעריק און האָט געזאָגט:

— זע נאָר, גאָט, וואָס דו האָסט מיר געטאָן! איך בין געווען אַזוי גרויס, און איצט בין איך געוואָרן אַזוי קליין. זע, גאָט, וואָס דו האָסט מיר געטאָן!

האָט גאָט רחמנות געהאַט אויף דער לבנה און האָט איר געגעבן די גאָלדענע שטערן וואָס זאָלן שיינען מיט איר ביינאַכט אין הימל און זי מאַכן ליכטיקער און שענער.

ווען גאָט האָט באַשאַפֿן די וועלט

אַז גאָט האָט באַשאַפֿן הימל און ערד האָט ער געזען, אַז די ערד איז ניט שיין. ערד, ערד און ערד — און אויף דער ערד איז גאָר נישטאָ. וואָס זשע האָט ער געטאָן? האָט ער באַדעקט די ערד מיט גראָז. ער האָט באַשאַפֿן בלומען אוןביימער פֿון פּרוכט און ביימער פֿון פֿעלד און וואַלד — קליינע ביימער און גרויסע ביימער.

האָבן די גרויסע ביימער גענומען זיך גרייסן: — „אָ, ווי הויך און גרויס מיר זיינען! מיר זיינען העכער פֿון אַלע גראָזן. מיר זיינען העכער פֿון די פּרוכטביימער. אָ, ווי הויך און גרויס מיר זיינען!"

וואָס זשע איז געשען? האָט די ערד אַרויסגעגעבן פֿון זיך דאָס אייזן — דאָס אייזן, וואָס מע מאַכט פֿון דעם אַ האַק. אַז די גרויסע ביימער האָבן דערזען דאָס אייזן, האָבן זיי אָנגעהויבן ציטערן און זיי האָבן געזאָגט:

— „אוי, אוי, וואָס וועט זיין? פֿון דעם אייזן קען מען דאָך מאַכן אַ האַק, מע וועט אונדז קענען אָפּהאַקן און צעשניידן, וועלן מיר שוין ניט זיין גרויס, מיר וועלן שוין ניט זיין קיין ביימער".

און די הויכע ביימער האָבן געציטערט און האָבן אויפֿגעהערט זיך צו גרייסן.

אַז אויף דער ערד זיינען שוין געווען גראָזן און בלומען און ביימער, באַרג און טאָל און פֿעלד און וואַלד, האָט גאָט געוואָלט, אַז אויף דער ערד זאָלן זיין לעבעדיקע באַשעפֿענישן. האָט ער באַשאַפֿן די חיות אין וואַלד: דעם לייב, דעם וואָלף, דעם בער און דעם פֿוקס; די בהמות — דעם אָקס, די קו און דאָס פֿערד; פֿייגל, וואָס זאָלן פֿליען אונטערן הימל; פֿיש, וואָס זאָלן שווימען אין ים און אין טייך; און די קליינע באַשעפֿענישן, וואָס קריכן אויף דער ערד.

נאָך דעם האָט גאָט געקוקט אויף אַלע זאַכן, און עס איז אים געפֿעלן און ער האָט געזאָגט:

— וועלט, מיין וועלט, ווי ליב און שיין און גוט דו ביסט! פֿאַרבלייב אַזוי ליב און שיין און גוט אייביק און אייביק!

דעם רבס זון

אַמאָל איז געווען אַ רב מיט אַ רביצן. האָבן זיי קיין קינדער ניט געהאַט. האָבן זיי טאָג און נאַכט געוויינט און געבעטן צו גאָט ער זאָל זיי געבן אַ זון. איז געקומען צו זיי אַן אַלטער מאַן, און האָט זיי געזאָגט, אַז זיי האָבן ניט קיין קינדער דערפאַר, ווייל מע וויל זיי קיין צער ניט פאַרשאַפן. ווייל דאָס קינד, וואָס וועט ביי זיי געבאָרן ווערן, מוז דעם טאָג, ווען עס וועט אַלט ווערן זעכצן יאָר, גע־הרגעט ווערן דורך אַ דונער. איז אויב זיי זיינען צופרידן האַרמיט, וועט ביי זיי געבאָרן ווערן אַ קינד.

האָבן דער רב מיט דער רביצן געענטפערט, אַז זיי זיינען צופרידן. וואָס עס וועט זיין אין זעכצן יאָר אַרום — זאָל זיין!

האָבן זיי געהאַט אַ זון. דאָס קינד איז געוואַקסן שיין און גוט און קלוג. דאָס קינד איז עלטער געוואָרן און האָט אָנגעהויבן לערנען. וואָס ווייטער אַלץ בעסער. און ווער עס האָט דאָס קינד געקענט, האָט זיך געפרייט, און מען האָט אים זייער ליב געהאַט. נאָר זיינע עלטערן האָבן טאָג און נאַכט געוויינט, אַז דאָס קינד זאָל בלייבן לעבן.

דער זון זייערער האָט באַמערקט, אַז זיינע עלטערן זיינען אַלץ טרויעריק און פאַרוויינט. האָט ער זיך גע־וואונדערט. אַלע מענטשן, וואָס קאָנען אים, פרייען זיך מיט אים, און זיי, די עלטערן זיינע, וואָס אַ טאָג מערער, וואָס ער ווערט עלטער און קליגער, ווערן זיי אַלץ מער טרויעריק.

איין מאָל האָט ער געפרעגט זיינע עלטערן, פאַר וואָס זיי וויינען אַזוי פיל.

די עלטערן האָבן זיך ניט געקענט איינהאַלטן, און האָבן אים דערציילט די גאַנצע מעשה.

דער זון האָט זיי געטרייסט און האָט געזאָגט: לאָמיר האָפן, אַז איך וועל בלייבן לעבן.

אַז עס איז געקומען דאָס זעכצנטע יאָר, האָבן די עלטערן אויפגעבויט אַן אייזערן שטיבעלע אויפן מיטן פעלד, און דעם רבס זון איז דאָרטן געזעסן און געלערנט אַ גאַנץ יאָר.

נאָר ווען עס איז געקומען דער טאָג פון זיין געבאָרן, האָט דאָס קינד אַזוי געטראַכט: אויב עס איז מיר באַשערט געהרגעט צו ווערן, קען מען זיך ניט אויסבאַהאַלטן.

און ער איז אַרויס פון דעם אייזערנעם שטיבעלע און האָט זיך געזעצט לערנען אויפן פרייען פעלד. דערווייל איז אָנגעקומען אַ שטורעם. עס האָט אָנגעהויבן דונערן און בליצן, און עס איז געוואָרן אַ גרויסער רעגן. מיט אַ מאָל האָט אַ זעץ געטאָן אַ גרויסער דונער און איז אַריין אין דעם אייזערנעם שטיבעלע. דאָס שטיבעלע איז צעבראָכן געוואָרן אויף קליינע שטיקעלעך, אַזוי, אַז עס איז ניט קענטיק געווען, אַז אויף דעם אָרט איז אַמאָל וואָס געשטאַנען.

דעם רבס זון איז געבליבן לעבן און ער איז אַוועק אַהיים.

די עלטערן האָבן זיך מיט זייער זון געפרייט, און אַלע וואָס האָבן געקאָנט זייער זון, האָבן זיך אויך געפרייט, און מען האָט געשענקט מתנות אָרעמעלייט, און אַלע זיינען געווען צופרידן.

1. צער (צאַר) — grief, ווייטיק. 2. געהרגעט (געהאַרגעט) — killed. 3. דונער — thunder. 4. טרויעריק — sad. 5. מעשה (מייסע) — story. 6. אייזערן — iron. 7. באַשערט, באַשטימט — destined. 8. בליצן — to lighten. 9. אַ זעץ געטאָן — אַ קלאַפּ געטאָן. 10. מתנות (מאַטאָנעס) — presents.

רב	צער	געהרגעט

יידיש איז אַנדערש ווי ענגליש

בעטן און פרעגן.

גערענק: ווי׳ל איך עפּעס — **בעט איך**. ווי׳ל איך וויסן — **פרעג איך**.

לייען איבער עטלעכע מאָל דאָס וואָס איז ווייטער אָנגעשריבן, וועסטו זיך אויסלערנען דעם אונטערשייד צווישן **בעטן און פרעגן**.

1) דער שילער בעט ביים לערער אַ בלייפעדער; 2) די לערערין האָט געבעטן די קינדער זיי זאָלן זיצן שטיל און שרייבן; 3) בערעלע בעט עסן ביי דער מאַמען; 4) סעמעלע בעט די מאַמע זי זאָל אים לאָזן גיין צו בערעלען.

1) די מאַמע פרעגט וויפל עס איז דער זייגער; 2) דער לערער האָט היינט אין שול געפרעגט רעטענישן.

אויפגאַבע: אויפן אָרט פון שטריך שטעל אַוועק וואו מע דאַרף **בעטן, בעט, געבעטן אָדער פרעגן, פרעג, געפרעגט.**

1) איטעלע ——— פריידעלען זי זאָל שפּילן מיט איר דאָמינאָ. 2) איך האָב ——— סעמעלען אין וועלכער יידישער שול ער לערנט זיך. 3) איך האָב ——— דעם טאַטן ער זאָל מיך שיקן אין אַ יידישער שול. 4) דער לערער האָט היינט ——— אין קלאַס ווער עס קען דערציילן אַ מעשה. 5) איך האָב ——— דעם חבר ער זאָל מיר לייען זיין לייענבוך, ווייל מיינס האָב איך פאַרלאָרן. 6) דער אָרעמאַן ——— מע זאָל אים שענקען אַ פּעני. 7) בערעלע ——— דעם טאַטן ער זאָל אים נעמען אין אַ יידישן טעאַטער. 8) לייבעלע שעמט זיך קיין מאָל ניט צו ——— דעם לערער ווען ער פאַרשטייט עפּעס נים. 9) ריווועלע האָט ——— דעם טאַטן ער זאָל איר קויפן אַ מעשה־בוך.

זאָג עס אויף יידיש:

1) Sammy asked his brother for a book. 2) She asked the man, "Where is the Jewish School?" 3) The children asked the teacher to play a game with them. 4) Ruth asked her friend to go with her to the movies (אין קינאָ). 5) Ann asked the postman whether he has a letter for her. 6) Mary asked her mother for a nickel. 7) The man asked me where he can buy a newspaper (צייטונג) 8) Frieda asked Mary to help her with her homework. 9) The blind man asked the boy to help him (ער זאָל אים העלפן) across (אַריבערגיין) the street. 10) The children asked the teacher many questions.

אויפן גאַס



דערציייל וואָס דו זעסט אויף די בילדער.

דער האָלצהעקער און די זשאַבע

1.

אַמאָל האָט אַן אָרעמער האָלצהעקער געהאַקט האָלץ לעבן אַ טייך. די האַק איז אים אַרויסגעפאַלן פון די הענט און איז אַריינגעפאַלן אין וואַסער. האָט ער זיך אַוועקגע־זעצט לעבן טייך און האָט גענומען קלאָגן און וויינען: ער האָט ניט געהאַט קיין געלט מיט וואָס צו קויפן אַ צווייטע האַק.

ווי ער זיצט אַזוי, רוקט אַרויס אַ גרויסע זשאַבע איר קאָפּ פון וואַסער און פרעגט:

— פאַר וואָס וויינסטו?

— מיין האַק איז אַריינגעפאַלן אין וואַסער און איך האָב ניט מיט וואָס צו קויפן אַן אַנדערע.

די זשאַבע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין וואַסער און אין אַ ווייל אַרום איז זי אַרויף מיט אַ גאָלדענער האַק.

— איז דאָס דיין האַק? — האָט זי אים געפרעגט.

— ניין, — האָט דער האָלצהעקער געענטפערט.

די זשאַבע האָט זיך ווידער אַראָפּגעלאָזט אין וואַסער און אין אַ ווייל אַרום איז זי אַרויף מיט אַ זילבערנער האַק.

— איז דאָס דיין האַק? — האָט זי אים געפרעגט.

— ניין, — האָט דער האָלצהעקער געענטפערט.

צום דריטן מאָל האָט די זשאַבע זיך אַראָפּגעלאָזט אין וואַסער און אין אַ ווייל אַרום איז זי אַרויף מיט אַ האַק פון אייזן און האָלץ.

— איז דאָס דיין האַק?

— יאָ, האָט דער האָלצהעקער געענטפערט.

האָט געזאָגט די זשאַבע: ווייל דו האָסט ניט געוואָלט צונעמען קיין פרעמדע האַק, שענק איך דיר אַלע דריי העק.

דער האָלצהעקער האָט גענומען די דריי העק און איז אַוועק אַהיים. ער האָט אַלעמען דערציילט, וואָס מיט אים האָט געטראָפן.

.2

אַ האָלצהעקער, אַ שכן, האָט דאָס דערהערט, איז ער אויף גיך אַוועק צום טייך און האָט אַריינגעוואָרפן זיין פּראָסטע האַק אין וואַסער און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים ברעג און האָט גענומען וויינען.

האָט זיך באַוויזן די זעלביקע זשאַבע און געפרעגט:

— פאַר וואָס וויינסטו?

— מיין האַק איז אַריינגעפאַלן אין וואַסער און איך קען זי ניט אַרויסנעמען, — האָט דער שכן געענטפערט.

די זשאַבע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין וואַסער און אין אַ וויילע אַרום איז זי אַרויף מיט אַ גאָלדענער האַק.

— איז דאָס דיין האַק? — האָט זי אים געפרעגט.

— יאָ, — האָט ער געענטפערט.

ווען די זשאַבע האָט דאָס דערהערט, האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט אין וואַסער און איז שוין מער ניט אַרויף צוריק.

1. **האָלצהעקער** — wood-cutter. 2. **זשאַבע** — frog. 3. **טייך** — river. 4. **קלאָגן** — lament. 5. **שענקען** — make a present. 6. **געטראָפן** — happened. 7. **שכן (שאָכן)** — neighbor. 8. **פּראָסטע** — ordinary. 9. **ברעג** — shore.

פראַגעס:

1) פאַר וואָס האָט דער אָרעמער האָלצהעקער געוויינט, ווען זיין האַק איז אַריינגעפאַלן אין וואַסער?

2) ווי אַזוי האָט די זשאַבע אויסגעפּרואווט צי דער האָלצהעקער איז ערלעך אָדער ניט?

3) וואָס האָט דעם האָלצהעקערס שכן געטאָן ער זאָל גיך רייך ווערן?

4) פאַר וואָס האָט די זשאַבע ניט געגעבן דעם שכן די גאָלדענע האַק?

צ י י ט

פינקטלעך אָפּגערעדט.

צוויי יינגעלעך האָבן אָפּגערעדט זיך צו טרעפן.

— וואו באַגעגענען מיר זיך?

— וואו דו ווילסט.

— און ווען? אין וועלכער צייט?

— מיר איז אַלץ איינס.

—טאָ זאָלסטו קומען פּינקטלעך, דו הערסט?

— גוט.

די טעג פון דער וואָך.

שרייב איבער די טעג פון דער וואָך אין אַ ריכטיקער אָרדענונג:

זונטיק, פרייטיק, דינסטיק, דאָנערשטיק, מיטוואָך, מאָנטיק, שבת.

רעטענישן.

איך בין געווען מאָרגן און וועל זיין נעכטן. ווער בין איך?

היינט.

איך וואַקס אַן וואָרצלען,
איך לייכט אַן פייער,
איך בין ניט אויף דר'ערד
און ניט אויפן וואַסער.

[illegible]

צוועלף ברידער יאָגן זיך יאָר־איין און יאָר־אויס און קענען זיך ניט דעריאָגן.

איצט און שפּעטער

„זע, ווי צעפּלאָמט דו ביסט!
וואָס איז מיט דיר געשען?"
„גאָרניט, מאַמע, איך בין איצט
ביי מאַטעלען געווען.

מיר האָבן גאָרנישט ניט געטאָן —
געשפּילט אין פערדלעך בלויז;
נעמט זיין מאַמע און זי טרייבט
מיך גאָר אַרויס פון הויז!"

„זאָלסט, מיין קינד, ניט גיין אַהין,
זי איז געווען גערעכט:
האָסט געטומלט און געשטיפּט,
געווען ווילד און שלעכט".

„אָבער איצט וועל איך זיין שטיל,
איך וויל דאָרט ווידער גיין;
ס'איז מיר אומעטיק,
איך קען ניט שפּילן זיך אַליין".

„רו זיך אוים, וועסט שפּעטער גיין,
דו ביסט אַזוי צעהיצט"...
„כ'וויל שוין גיין צו מאַטעלען,
עס איז שוין שפּעטער איצט..."

וואָס איך טו יעדן טאָג

אויפגאַבע. דערשרייב די נייטיקע ווערטער:

איך בין אויפגעשטאַנען ______	אַ זייגער.
אין שול בין איך געקומען ______	אַ זייגער.
מיר לערנען ביז ______	אַ זייגער.
מיטאָג עס איך ______	אַ זייגער.
איך לייג זיך שלאָפן ______	אַ זייגער.

„איך בין געגאַנגען"

(אַ שפּיל)

עס שפּילט דער קלאַס. איין שילער זאָגט: איך בין געגאַנגען אין גאַס און האָב געזען אַן אַרבעטער. דער צווייטער זאָגט: איך בין געגאַנגען אין גאַס און האָב געזען אַ בעקער אאַז"וו. יעדער שילער שטעלט צו אַ ניי וואָרט, וואָס הייבט זיך אָן מיט דעם ווייטערדיקן אות פון אלף־בית.

ווער עס קען ניט צוגעבן קיין ניי וואָרט, דער גייט אַרויס פון שפּיל אָדער גיט אַ פּאַנד.

די זעלביקע שפּיל קען מען אויך האָבן מיט „איך בין געפאָרן", איך בין געקומען" אאַז"וו.

אַכטונג געבן ניט צו פאַרבייטן: האָבן און זיין.

ווי אַזוי פרעגט מען:

ווי שפּעט איז איצט? וויפל איז דער זייגער?

מען ענטפערט: דער זייגער איז דריי. דער זייגער איז האַלב נאָך פיר. דער זייגער איז אַ פערטל נאָך זיבן. דער זייגער איז פינף מינוט צו צוועלף.

קאָנטראַסטן.

שפּעט — פרי	גוט —
ביינאַכט —	היים —
שטייט —	ביטער —

אויפגאַבע. שרייב עפּעס אָן און נעם אַריין די ווערטער **היינט, נעכטן, מאָרגן.**

רעטעניש.

אַ שאַפע מיט צוועלף שופלאַדן. אין יעדער שופלאַד ליגן פיר עפּעלעך, אין יעדן עפּעלע ליגן זיבן קערנדלעך, האַלב ווייס און האַלב שוואַרץ.

איצט — פריער

איך לייען	**איך האָב געלייענט**	**איך זאָג**	
איך זוך		איך יאָג	
איך ניי		איך זופּ	
איך קאָך		איך שפּיל	
איך האַק		איך מעג	

דערצייל די זעלבע זאַך ווי דאָס וואָלט פאַרגעקומען ניט איצט נאָר פריער.

1. איך לייען אַ בוך. 2. איך זוך מיין קליין ברודערל. 3. איך זע אַ שיפעלע שווימט אויפן וואַסער. 4. איך כאַפּ אַ דרעמל. 5. איך זאָג דיר דעם אמת. 6. איך שפּיל ווייער שיין אויף דער פידל. 7. איך קאָך פליש מיט זופּ. 8. איך יאָג זיך נאָכן הינטל. 9. איך האַק האָלץ. 10. איך מעג דאָס טאָן.

גערעדנק די צוויי ווערטער:	גיין — איך בין געגאַנגען קומען — איך בין געקומען.

די שלאַנג און די פרוי

גאָט האָט באַשאַפן אָדמען, דעם ערשטן מענטשן, און חוהן די ערשטע פרוי. עס איז זיי געווען זייער גוט. זיי זיינען געווען גליקלעך. זיי האָבן געלעבט אין גן־עדן, אין דעם גרויסן, שיינעם גאָרטן.

אין גן־עדן איז געווען אַ שלאַנג, אַ שלעכטע, בייזע שלאַנג. אַז די שלאַנג האָט געזען ווי די מענטשן זיינען גליקלעך, האָט זי געוואָלט זיי שלעכטס טאָן.

די שלאַנג איז צוגעקומען צו חוהן און האָט געזאָגט שטיל און ווייך און זיס:

— „האָט גאָט געזאָגט דיר און דיין מאַן אָדמען אַז פון אַלעביימער פון גאָרטן מעגט איר עסן, און בלויז פון איין בוים טאָרט איר ניט עסן? איז דאָס אמת, אַז איר טאָרט ניט עסן פון דעם בוים פון וויסן?"

האָט חוה געענטפערט:

— „יאָ, עס איז אמת. פון אַלע ביימער פון גאָרטן מעגן מיר עסן, בלויז פון איין בוים, פון בוים פון וויסן, טאָרן מיר ניט עסן. מיר טאָרן ניט עסן זיין פרוכט און מיר טאָרן אַפילו ניט אָנרירן דעם בוים, אַניט וועלן מיר שטאַרבן".

האָט די שלאַנג זיך צעלאַכט.

זי איז צוגעגאַנגען צום בוים פון וויסן און האָט אים אָנגערירט און געזאָגט:

— „זעסט, חוה, אָט האָב איך דעם בוים אָנגערירט און איך בין ניט געשטאָרבן. איך האָב שוין פריער געגעסן פון די פרוכט אויך. זיי זיינען אַזוי געשמאַק! קום אַהער, חוה, האָב ניט מורא".

איז חוה צוגעגאַנגען צום בוים פון וויסן און האָט אים

אָנגערירט. אַז זי האָט געזען אַז ס'איז איר קיין בייז ניט געשען, האָט זי אָפּגעריסן אַ פּרוכט און געגעסן.

איז זי געלאָפן צו איר מאַן און האָט געזאָגט:

— „אָדם, אָדם, זע וואָס איך האָב דיר געבראַכט! איך האָב געגעסן אַ פּרוכט פון דעם בוים פון וויסן — עס איז אַזוי געשמאַק! נאַ דיר אויך אַ פּרוכט, מיין מאַן!"

האָט אָדם אויך געגעסן אַ פּרוכט.

גאָט טרייבט אַרויס אָדמען און חוהן פון גן־עדן

פּלוצעם האָבן זיי דערהערט דאָס קול פון גאָט אין גאָרטן. אָדם און חוה האָבן זיך דערשראָקן און זיינען געלאָפן זיך באַהאַלטן. זיי האָבן זיך באַהאַלטן צווישן די ביימער. דאָ האָבן זיי ווידער דערהערט גאָטס שטים:

— וואו ביסטו, אָדם, וואו ביסטו?

האָט אָדם זיך דערשראָקן און געענטפערט:

— דאָ בין איך. איך האָב געהערט דיין שטים, האָב איך זיך דערשראָקן און זיך באַהאַלטן.

האָט גאָט געזאָגט:

— פאַר וואָס באַהאַלטסטו זיך? האָסטו געגעסן פון דעם בוים פון וויסן, אָדם? איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז דו זאָלסט ניט עסן פון אים!

האָט אָדם געענטפערט:

— איך בין ניט שולדיק. מיין ווייב האָט מיר געגעבן די פּרוכט.

האָט גאָט גערופן:

— חוה, וואָס האָסטו געטאָן?

האָט חוה געענטפערט:

איך בין ניט שולדיק. די בייזע שלאַנג האָט מיך אָנ־גערעדט אַז איך זאָל עסן די פרוכט.

האָט גאָט געזאָגט:

— דערפאַר וואָס דו, שלאַנג, האָסט אָנגערעדט חוהן, אַז זי זאָל עסן די פרוכט פון דעם בוים פון וויסן, זאָלסטו קריכן אויף דיין בויך און דו זאָלסט עסן שטויב. און דו, חוה, דערפאַר וואָס דו האָסט זיך צוגעהערט צו דער בייזער שלאַנג, זאָלסטו ביים געבאָרן קינדער האָבן אַ סך ווייטיקן. און דו, אָדם, דערפאַר וואָס דו האָסט זיך צוגעהערט צו דיין פרוי און ניט צו מיר, זאָל די ערד דיר ניט געבן אַליין אירע פרוכט, נאָר דו זאָלסט אַרבעטן מיט דעם שוויים פון דיין פנים אויף אַ שטיקל ברויט.

גאָט האָט געטראַכט: אַז אָדם און חוה וועלן ווייטער פאַרבלייבן אין גן־עדן, וועלן זיי אויך עסן פון דעם צווייטן בוים וואָס שטייט אין מיטן גן־עדן. זיי וועלן עסן פון דעם בוים פון לעבן און זיי וועלן לעבן אייביק. האָט גאָט אַרויס־געטריבן אָדמען און חוהן פון דעם גן־עדן און ער האָט אַוועקגעשטעלט ביים טויער מלאָכים, אַז זיי זאָלן היטן דעם וועג צו דעם בוים פון לעבן.

אַרבעט



ווער וואָס עס טוט:

דער בעקער באַקט	קליידער
דער שוסטער פאַרריכט	ברויט
דער דאָקטאָר היילט	שיך
דער שניידער נייט	בריוו
דער לערער לערנט	קינדער
דער בריוונטרעגער טראָגט פונאַנדער	קראַנקע

די מיל

(קרייזשפּיל)

ס'קלאַפּט די מיל! ס'קלאַפּט די מיל!
אוּן די רעדער גייעןּ,
בלייבן ניט אַ רגע שטיל,
דרייען זיך אוּן דרייען.

מילנער:
כ'בין דער מילנער, בין איך ווייס
פוּן דעם מעל געוואָרן,
שטיי איך איצט אין מיטן קרייז,
מאָל דעם ווייץ אוּן קאָרן.

ס'קלאַפּט די מיל! ס'קלאַפּט די מיל!
אוּן די רעדער גייען,
בלייבן ניט אַ רגע שטיל,
דרייען זיך אוּן דרייען.

פּויערים:
מילנער, מילנער, מאַך אַ וועג,
עפן אויף דעם טויער!
ווייץ אוּן קאָרן פוּלע זעק
ברענגט דיר יעדער פּויער!

ס'קלאַפּט די מיל! ס'קלאַפּט די מיל!
אוּן די רעדער גייען,
בלייבן ניט אַ רגע שטיל,
דרייען זיך אוּן דרייען.

מילנער:
דאַרפֿט איר קערנער געבן שנעל
און מיין מי באַצאָלן, —
ברויטנמעל און זעמלמעל
וועל איך פֿאַר אייך מאָלן.

ס'קלאַפּט די מיל! ס'קלאַפּט די מיל!
און די רעדער גייען,
בלייבן ניט אַ רגע שטיל,
דרייען זיך און דרייען.

רגע

איצט — פריער.

איך קלאַפּ	איך האָב געקלאַפּט	איך טרינק	איך האָב געטרונקען
איך טראַכט	——————	איך זינג	——————
איך לאַך	——————	איך געפֿין	——————
איך פֿאַרריכט	——————	איך קלינג	——————
איך מאָל	——————	איך שווים	——————
איך לערן	——————	איך שלינג	——————

מיט מענטשן אָדער אָן מענטשן

אַמאָל איז געווען אַ ייִנגל, האָט מען אים גערופֿן קאַפּל. ער האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַ געדאַנק — אַז אָן מענטשן איז בעסער ווי מיט מענטשן.

לייגט ער זיך איין מאָל שלאָפֿן און טראַכט: ווי גוט וואָלט געווען, ווען ער זאָל זיין איינער אַליין אויף דער גאַנצער וועלט.

דערווייל איז ער איינגעשלאָפֿן.

חלומט זיך אים, אַז ער איז אין וואַלד איינער אַליין. אַ ווינטל בלאָזט, אַ רעגן פּאַלט, און ער איז נאַקעט. ציטערט ער פֿאַר קעלט און וויינט.

באַווייזט זיך אַן אַלטער מאַן און זאָגט:

— קאַפּעלע, וואָס וויינסטו? האָסט דאָך געוואָלט זיין אַליין — ביסטו אַליין.

— יאָ, זאָגט קאַפּל, — אָבער וואו זיינען מיינע קליידער? מיין קישן און מיין קאָלדרע?

— קליידער, מיין קינד, פּאַלן ניט פֿון הימל און וואַקסן ניט אין וואַלד. קליידער נייען שניידערס פֿון שטאָף. דעם שטאָף האָבן אַרבעטער געמאַכט פֿון וואָל, אָדער פֿון ליין. אויף דעם האָבן מענטשן געאַרבעט.

— גוט, — זאָגט קאַפּל, — איצט פֿאַרשטיי איך שוין, אַז אָן מענטשן וואָלט איך קיין קליידער ניט געהאַט. גיט מיר מיינע קליידער, ס'איז מיר קאַלט.

דער אַלטער איז אַוועק און געבראַכט קאַפּלען די קליידער. קאַפּל האָט זיך אָנגעטאָן, אים איז וואַרעם געוואָרן און ער האָט זיך צעלאַכט:

— נו, איצט וועל איך זיך שוין באַגיין אָן מענטשן.

— און עסן? — פֿרעגט דער אַלטער.

— כ'וועל שיסן פֿייגל און עסן — רופֿט זיך אָן קאַפּל.

— מיט וואָס וועסטו שיסן? מיט אַ בעזעם?

— כ'וועל נעמען ביים ברודער אַ ביקס און שיסן.

— און וואו האָט דיין ברודער די ביקס גענומען? די ביקס האָבן אַרבעטער געמאַכט פון האַלץ און פון אייזן.

קאַפּלען האָט זיך דערווייל פאַרוואָלט עסן, נאָר זאָגן דעם אַלטן שעמט ער זיך. דער אַלטער וועט ווידער זאָגן, אַז אָן מענטשן קען מען אַפילו קיין עסן ניט האָבן.

דער אַלטער קוקט קאַפּלען אין די אויגן און פרעגט:

— אַז דו שטייסט אויף פון שלאָף וואָס טוסטו יעמאָלט?

— וואָס זאָל איך טאָן? — איך וואַש זיך.

— און וואו נעמסטו וואַסער?

— פון אַ קראַן.

— און ווער האָט עס געמאַכט? באַטראַכט אַלץ, וואָס ביי אייך איז פאַראַן אין שטוב, דיינע ביכער, העפטן און זאָג: קאָן אַ מענטש לעבן אויף דער וועלט אָן מענטשן?

— ניין, טייערער זיידע! — האָט אויסגערופן קאַפּל און זיך אויפגעכאַפּט.

ער קוקט און זעט, אַז ער איז אין בעט, ניט אין וואַלד.

פון גרויס פרייד איז ער אַראָפּ פון בעט און אויסגערופן:

— זאָלן לעבן די מענטשן וואָס אַרבעטן!

1. גערַאַנק — thought, idea. 2. דערווייל — meanwhile, meantime. 3. חלומט (כאָלעמט) זיך אים — he was dreaming. 4. ציטערט — shivers. 5. קאָלדרע — quilt. 6. שטאָף — material, cloth. 7. ליין — flax. 8. באַגיין זיך אָן — do without. 9. בעזעם — broom. 10. ביקס — rifle, gun. 11. אייזן — iron. 12. קראַן — faucet.

פראַגעס:

1. וואָס פאַר אַ געדאַנק האָט זיך קאַפּל אַריינגענומען אין קאָפּ? 2. ווי מיינט איר, איז קאַפּל געווען גערעכט? דערקלערט אייער מיינונג. 3. ווי האָט קאַפּל אויסגעפונען זיין טעות? 4. פאַר וואָס קענען מיר ניט לעבן אָן אַנדערע מענטשן? 5. וועלכע איז די קאָמישסטע שטעל אין דער מעשה? לייענט פאַר.

וועו קינדער וועלן גרויס ווערן



דער טאַטע קומט פרי אַהיים

שרהלעם טאַטע איז איין מאָל אַהיים געקומען פון דער אַרבעט פרי. האָט זיך די מאַמע דערשראָקן און געפרעגט:

— וואָס איז געשען?

— גאָרנישט, — האָט דער טאַטע געזאָגט און געלאַכט.

— ביסט עפעס נישט געזונט?

— ניין.

— שטרייקסט?

— דערווייל נאָך נישט.

— וואָס זשע דען? — האָט די מאַמע געפרעגט שוין רואיקער.

— טרעף!

שרהלעס מאמע האט געקלערט און געקלערט און באלד זיך דערמאנט:

— הא! כ׳האב גאר פארגעסן, מע האט דאך היינט גערוקט דעם זייגער.

שרהלע האט זיך אויך געוואונדערט, וואס דער טאטע איז אהיים געקומען פריער און ווען זי האט געהערט, אז דאס איז דערפאר, וואס מע האט גערוקט דעם זייגער, האט זי זיך שטארק דערפרייט.

— מאמע, — האט זי געפרעגט — אז מע רוקט דעם זייגער, קומט דער טאטע אהיים פריער?

— יא.

— קאן מען דאך אלע טאג רוקן דעם זייגער!

די קינדערס פרייד

די מאמע מיטן טאטן האבן זיך איבערגעקוקט און געלאכט און שרהלע איז ארויסגעלאפן אין גאס צו אירע חברימלעך מיט א שמחה:

— מיין טאטע איז היינט געקומען פרי, ווייל מע האט גערוקט דעם זייגער.

— און מיין טאטע איז אויך געקומען פרי — האט בערעלע געזאגט.

— און מיינער אויך — האט יאנקעלע צוגעגעבן.

— אז מע רוקט די זייגערס, קומען די טאטעס אהיים פרי.

— מע דארף אלע טאג רוקן די זייגערס.

— איך וויים ווי אזוי מע רוקט א זייגער, — זאגט שרהלע.

— איך אויך.

— און איך, — זאגט יאנקעלע — וועל זאגן מיין מאמען, וועט זי מיר וויזן.

דעם אוונט זיינען די קינדער געווען זייער פריילעך.

— איצט וויסן מיר שוין וואס צו טאן, אז די טאטעס זאלן אהיים קומען פרי — האבן זיי געזאגט.

די קינדער ווייסן שוין וואָס צו טאָן

אויף מאָרגן, ווען דער זייגער איז געווען פיר, האָבן אַלע קינדער פון דער גאַס איבערגערוקט די זייגערס אויף אַ שעה און אַרויסגעלאָפן אויפן ראָג וואַרטן אויף די טאַטעס.

— מיין טאַטע, — האָט געזאָגט שרהלע, — וועט באַלד קומען. איך האָב איבערגערוקט דעם זייגער אויף אַ שעה.

— און מיינער אויך, — האָט געזאָגט בערעלע, — איך האָב איבער־גערוקט דעם זייגער אויף צוויי שעה.

— און איך, — האָט געזאָגט יאַנקעלע, — האָב אַראָפּגערוקט ביידע ווייזערס אונטן.

— אויב אַזוי, דאַרף דאָך שוין זיין ביי דיר נאַכט!

— עס איז שוין נאַכט.

— פאַר וואָס זשע איז נישט פינצטער? — האָט בערעלע גע־פרעגט.

— יאַנקעלע האָט זיך פאַרקלערט און געזאָגט:

— ווייל . . . די נאַכט ווייס נישט, אַז איך האָב גערוקט דעם זייגער.

— דאַרפסט דעם זייגער אַרויסנעמען אויפן גאַס, וועט זי זען. שרהלע האָט געלאַכט:

— די נאַכט קוקט נישט אויף יאַנקעלעס זייגער. זי האָט אַליין אַ זייגער. . .

אומזיסט געוואַרט

די קינדערלעך זיינען דעם טאָג געשטאַנען לאַנג אויפן ראָג און געוואַרט. אָבער די טאַטעס זיינען נישט געקומען.

— פאַר וואָס קומען זיי נישט? — האָט יאַנקעלע געפרעגט.

— איך גיי פרעגן מיין מאַמען.

— איך אויך.

שרהלע איז אַריינגעלאָפן אין שטוב צו דער מאַמען מיט אַ טענה:

— דער טאַטע קומט נישט...

— וואָס ווילסטו, מיידעלע, עס איז נאָך פרי.
— ניין, עס איז שוין נישט פרי. איך האָב איבערגערוקט דעם זייגער.
— אָבער דער טאַטע וויים דאָך נישט...
ווען דער טאַטע איז געקומען, האָט אים שרהלע געזאָגט:
— טאַטע, מאָרגן זאָלסטו קומען פרי, איך וועל רוקן דעם זייגער.
דער טאַטע האָט געלאַכט.
— יאָ. אָבער אין פאַבריק איז דאָך דאָ אַן אַנדער זייגער.
שרהלע לויפט צו צום טיש, כאַפּט דעם זייגער און גיט אים דעם טאַטן.
— נאָ! נעם מיט דעם זייגער צו דער אַרבעט און קוק אויף מיין זייגער און נישט אויפן זייגער פון דער פאַבריק.
— דער באַלעבאָס לאָזט נישט, ער וויל מע זאָל קוקן אויף זיין זייגער, — זאָגט דער טאַטע.

ווען די קינדער וועלן גרויס ווערן

איך אָוונט האָבן שוין אַלע קינדער פון דער גאַס געוואוסט, אַז רוקן דעם זייגער פון שטוב העלפט גאָרנישט.
— מע דאַרף רוקן דעם זייגער פון פאַבריק...
— מע דאַרף איבעררוקן אַלע זייגערס פון דער גאַנצער שטאָט.
און די קינדער רעדן זיך אָפּ, אַז ווען זיי וועלן ווערן אַ ביסל גרעסער, וועלן זיי זיך אַרויסלאָזן איבער דער שטאָט און אַרומגיין איבער אַלע גאַסן, אין אַלע שטובן, אין אַלע פאַבריקן, און אומעטום רוקן פאָרויס די זייגערס, אַז די טאַטעס זאָלן אַהיים קומען פרי און נישט דאַרפן אַזוי פיל אַרבעטן.

פראַגעס: 1) פאַר וואָס ווילן קינדער, אַז די טאַטעס זאָלן קומען פרי אַהיים? 2) פאַר וואָס זיינען איין מאָל די טאַטעס געקומען פון דער אַרבעט פריער ווי אַלע מאָל? 3) וואָס האָבן די קינדער באַשלאָסן צו טאָן, אַז די טאַטעס זאָלן אַלע מאָל קומען פרי פון דער אַרבעט? 4) זיינען די טאַטעס געקומען פרי ווען די קינדער האָבן אַליין גערוקט די זייגערס? פאַר וואָס ניט? 5) וואָס האָבן די קינדער אָפּגערעדט צו טאָן, ווען זיי וועלן גרויס ווערן?

דער אַלטער שניידער דאָדל

דער אַלטער שניידער דאָדל
פאַרלירט די שאַרפע נאָדל.
מיט וואָס זשע וועט ער נייען
אַ קליידעלע פאַר לאהן?

ער טוט אָן די שפּאַקולן
און שרייט: — „הערט אויף צו דולן.
איך זוך שוין פון באַגינען
און קען זי נישט געפינען."

— „דו אַלטער שניידער דאָדל,
דו האָלטסט אין לאַץ די נאָדל,
אַצינד קענסטו שוין נייען
אַ קליידעלע פאַר לאהן.

דער אַלטער שניידער דאָדל
צעזינגט זיך — טי־ראַ־ראָדל.
אַ שניידערל אַ זינגער
צעשטעכט זיך באַלד דעם פינגער.

איז אוים שוין מיטן נייען
אַ קליידעלע פאַר לאהן".
דער אַלטער שניידער דאָדל
צעברעכט פאַר כעס די נאָדל.

דער שניידער מאַכט געשרייען
אויף מאַמען און אויף לאהן.
מיט לאַפּקעס שלעפּט דאָס קעצל
דעם פאָדעם פונעם קלעצל.

כעס	לאה

וואָס טוט דער טאַטע?

אַ ייִנגעלע איז געקומען צום ערשטן מאָל אין שול, און דער לערער האָט אים גענומען אויספרעגן:

— ווי הייסטו, ייִנגעלע?

— בערעלע.

— ווי אַלט ביסטו?

— זיבן יאָר.

— וואָס איז דיין טאַטע?

— מיין טאַטע איז קראַנק.

— ניין, ניט דאָס מיין איך. איך פרעג: וואָס טוט דיין טאַטע?

— ער הוסט.

— ניין, ניט דאָס מיין איך. איך וויל וויסן וואָס טוט דיין טאַטע, ווען ער איז געזונט.

— ווען ער איז געזונט, הוסט ער ניט.

— נאַרעלע, דו פאַרשטייסט ניט, וואָס מע רעדט צו דיר. זאָג מיר: וואָס טוט דיין טאַטע, ווען ער איז ניט קראַנק און ווען ער הוסט ניט?

— דאַן טוט ער זיך אָן און גייט צו דער אַרבעט...

רעטעניש. ווער קומט אין שול צום ערשטן?



וואָס איז דאָ געשען? דערצייל.

ווער וואָס עס טוט

אויפגאַבע. שרייב איבער אין העפט און שטעל צו די פּאַסי־קע ווערטער פון לינקס.

די שניידערקע נייט ——	האַלט
דער האָלצהעקער האַקט ——	אַ קלייד
די וועשערין וואַשט ——	וועש

ווער וואָס עס טוט

דער שניידער	באַקט
דער בעקער	בויט
דער לערער	נייט
דער שמיד	לערנט
דער בויער	שמידט
דער סטאָליער	לערנט
דער פייער-לעשער	הובלט

אויפגאַבע. נעם פון רעכטס, פון מיטן און פון לינקס צו איין וואָרט און שטעל זיי אויס אַזוי, אַז צוזאַמען זאָלן זיי אונדז עפּעס דערציילן.

לערער	שרייבן	אייגן
שרייבער	לערנען	קינדער
שמידן	היילן	ביכער
דאָקטוירים	שמידן	קראַנקע

דאָס לוסטיקע שניידערל

(צו זינגען)

בין איך מיר אַ שניידערל,
קיין נאָדל קען איך ניט האַלטן אין האַנט,
הענג איך מיר אַרום אַ שילדעלע
אַז איך פּרעס געוואַנט.
פרעגט, וואָס קען איך:
טידל, דידל, דאָם!
אַז איך פּרעס פאַרברען איך,
טידל, דידל, דאָם.
האָט ניט קיין פּאַראיבל,
האָט ניט קיין פּאַראיבל,
טידל, דידל, טידל, דידל,
דאָם, דאָם, דאָם!

שפּאַסווערטלעך

א. אַ טויבער האָט געהערט, ווי אַ שטומער האָט דערציילט, ווי אַ בלינדער האָט אַליין געזען, ווי אַ קרומער איז געלאָפן.

וואָס טויג דאָ ניט?

אַ טויבער קען ניט ———. אַ שטומער קען ניט ———. אַ בלינדער קען ניט ———. אַ קרומער קען ניט ———.

ב. צווישן אַלע שוסטערס איז דער בעסטער שניידער יאָסל דער סטאָליער, ער מאַכט אַ היטל, ליגט עס אויפן קאָפּ ווי אַ הענטשקע.

וואָס טויג דאָ ניט?

אַ שוסטער איז ניט קיין ———. אַ שניידער איז ניט קיין ———. און אַזוי ווייטער. (ווער פון אייך וועט קענען אויסרעכענען נאָך מער מלאכות?)

שפּריכווערטער.

אַרבעט ניט ברויט; פוילקייט — נויט.
קיין געבראָטענע טייבעלעך פליען אין מויל ניט אַריין.
פיל הענט מאַכן מיט דער אַרבעט באַלד אַן ענד.
אַז מען איז פויל האָט מען ניט אין מויל.

די גוטע מאַמע

וואס טוט די מאַמע? דערציילט.

אַ וויגליד

אַליע, ליולע, אַליע, ליוליע —
שלאָף, מיין טייערע, און רו;
וואויל איז דעם וואָס האָט אַ מאַמען
און אַ וויגעלע דערצו.

אַלצדינג קען מען נאָך געפינען,
אַלצדינג קריגט מען נאָך פאַר געלט;
נאָר אַ מאַמע, זי איז איינע —
מערניט איינע אויף דער וועלט.

שלאָף, מיין טייערע, מיין ליבער,
מאַך די אויגן צו און רו;
גוט איז דעם וואָס האָט אַ מאַמען,
אַליע, ליוליע, ליוליעליו.

וואויל איז דעם — גוט איז דעם.



וואָס איז דאָ געשען? דערציל.

בערעלע און זיין מוטער

אין שול, אויף דער גאַס, אין קראָם — אומעטום זעט בערעלע דערלאַנגט מען אַ צעטעלע אויף צו באַצאָלן. אַט קלאָגט זיך דער פאָטער, אַז ער האָט געמוזט באַצאָלן אַ סך געלט. ווען די מוטער שיקט אים אין קראָם — דערלאַנגט מען אים אַ צעטעלע אויף צו באַצאָלן.

איין מאָל איז אים איינגעפאַלן אויסצושטעלן אַ רעכענונג זיין מוטער פאַר דעם, וואָס ער האָט פאַר איר געטאָן.

אויף מאָרגן האָט די מוטער געפונען אין קיך אַזאַ רעכענונג:

די מוטער קומט בערעלען:

פאַר איינקויפן אין קראָם — — — — — — — — — — — — —	15 סענט.
פאַר אַריינוואַרפן אַ בריוו אין פאָסטקעסטל — — — — — —	10 סענט.
פאַר טרינקען מילך — — — — — — — — — — — —	5 סענט.
פאַר זיין אַ גוטער און וואוילער יינגל — — — — — — — — —	25 סענט.
צוזאַמען — — — — — — — —	55 סענט.

קומענדיק פון שול האָט בערעלע געטראָפן אויף זיין טישעלע 55 סענט. א צופרידענער האָט ער זיי אַריינגעלייגט אין קעשענע.
אויף מאָרגן אין דער פרי אָבער האָט ער ביי זיינע קליידער אויך געפונען אַ רעכענונג:

בערעלע איז שולדיק זיין מוטער:

פאַר 10 גליקלעכע יאָר אין שטוב — — — — — — — — —	גאָרנישט.
פאַר 10 יאָר עסן און טרינקען — — — — — — — — — — —	גאָרנישט.
פאַר אָפּהיטן אים ווען ער איז קראַנק — — — — — — — —	גאָרנישט.
פאַר האָבן אַ גוטע און ליבנדיקע מאַמע — — — — — — —	גאָרנישט.
צוזאַמען — — — — — — — —	גאָרנישט.

בערעלע האָט געלייענט אָט די דאָזיקע רעכענונג און געשוויגן. אין אַ ווײַלע אַרום איז ער צוגעגאַנגען צו דער מוטער, האָט זי אַרומגענומען, אַ קוש געטאָן און שטילערהייט אַרײַנגעלייגט די 55 סענט צו דער מאַמען אין קעשענע.

פראַגעס: 1) ווי אַזוי איז בערעלען אײַנגעפאַלן אויסצושטעלן זײַן מוטער אַ רעכענונג? 2) פאַר וועלכער זאַך האָט ער געמאָנט דאָס גרעסטע געצאָלט? 3) ווי אַזוי האָט די מאַמע געוויזן בערעלען, אַז ניט פאַר אַלץ דאַרף מען קריגן באַצאָלט מיט געלט? 4) האָט בערעלעס מאַמע גוט געטאָן? ווי רעכנסטו? פאַר וואָס?

אונדזער היים

דערציילט:

א) ביי אונדז אין דער היים. וואָס עס געפעלט מיר אין הויז מער ווי אַלץ. אונדזערע שכנים. זייערע קינדער. פאַרשיידענע מענטשן אין אונדזער הויז.

ב) פון דעם וואָס דו האָסט דערציילט שרייב עפּעס אויף.

ג) זאַכן אין דער היים: טיש, שטולן, טעפּער, פאַר־האַנגען, זייגער...

ד) ווי זאָגט מען? דער טיש, דער שטול, דער טע־פּער, דער זייגער...

ה) זאַכן וואָס זיינען פאַראַן אין הויז: טרעפּ, טירן...

ו) טייל איין די אַלע זאַכן וואָס דו האָסט פריער דער־מאָנט באַזונדער מיט ד ע ר, מיט ד י און מיט ד אָ ס.

דער טיש, דער פאָרהאַנג, דער ——— (וואָס נאָך?) די שאַפע, די טיר, די ——— (וואָס נאָך?). דאָס בילד, דאָס טישל, דאָס הויז, דאָס ———

אַז די מאַמע איז ניט געזונט געווען

אַז די מאַמע איז געוואָרן ניט געזונט, איז געווען אומעטיק אין שטוב.

די קינדער זיינען געזעסן אין אַ ווינקעלע און זיך ניט געשפּילט.

דאָס פייגעלע אין שטייגל האָט ניט געהאַט קיין קערנער צו פּיקן, האָט עס ניט געזונגען, ניט געשפּרונגען.

דאָס הינטל, דאָס ווילדע לוסטיקע הינטל, איז געלעגן ביי דער מאַמעס בעט און ניט אָפּגעטראָטן.

די בלומען אויף די פענצטער האָבן אַראָפּגעלאָזט זייערע קעפּלעך. קיינער האָט ניט געטראַכט צו באַגיסן זיי מיט אַ טראָפּן וואַסער.

אַז די מאַמע איז געוואָרן ניט געזונט, איז דער זייגער אויף דער וואַנט געבליבן שטיין.

דער טאַטע איז גאָר שפּעט אַוועק צו דער אַרבעט און האָט זיך צוריקגעקערט פריער ווי שטענדיק.

ס'איז געקומען דער דאָקטער און האָט געזאָגט, אַז דער מאַמעס שוואַכקייט קומט פון צו פיל אַרבעטן.

מיטאָג האָבן מיר געגעסן ביים פעטער, אָבער קיינער איז ניט זאַט געוואָרן און ניט געווען פריילעך.

אַז די מאַמע איז געוואָרן ניט געזונט, האָט קיינער ניט געקענט פירן די שטוב ווי ס'באַדאַרף צו זיין.

דער טאַטע האָט געמאַכט פייער און אַרויפגעשטעלט די מילך, אָבער דאָס פייער האָט גערייכערט, און די מילך איז אויסגעלאָפן.

דאָס קליינע ריוועלע האָט גענומען אויפראַמען די שטוב; זי האָט צעשטעלט די שטולן, אָפּגעווישט דעם שטויב פון אַלמער און פון טיש, אויסגעקערט די צימערן. זי איז אָבער באַלד זייער מיד געוואָרן.

אויף מאָרגן, ווען דער מאַמען איז עטוואָס בעסער געוואָרן און זי איז אַ בלאַסע פאַמעלעך אַראָפּ פון בעט, איז ווידער ליכטיק געוואָרן אין אַלע ווינקעלעך.

אַ מעשהלע

(צו זינגען)

אין הימל שווימט אַ וואָלקנדל,
אַ וואָלקנדל אָן רו...
יע וואָלקנדל, ניט וואָלקנדל, —
דאָס איז דאָך בלויז אַ מעשהלע,
אַ ציגעלע אַ ווייסעלע...
דאָס וואָלקנדל ביסטו.

פון הימל פאַלט אַ רעגנדל,
עס מאַכט דער טאָג זיך צו,
יע רעגנדל, ניט רעגנדל, —
דאָס איז דאָך בלויז אַ מעשהלע,
אַ ציגעלע אַ ווייסעלע...
דאָס רעגנדל ביסטו.

עס שלאָפט אין פעלד אַ זאַנגעלע,
אַ זאַנגעלע ליו־ליו —
יע זאַנגעלע, ניט זאַנגעלע, —
דאָס איז דאָך בלויז אַ מעשהלע,
אַ ציגעלע אַ ווייסעלע...
דאָס זאַנגעלע ביסטו.

אַ מיל, אַ מיל, אַ מילכעלע,
און פליגלען פיר — זשו־זשו, —
יע מילכעלע, ניט מילכעלע,
דאָס איז דאָך בלויז אַ מעשהלע,
אַ ציגעלע אַ ווייסעלע...
דאָס מילכעלע ביסטו!

אַ וואָלקנדל, אַ רעגנדל,
אַ, מאַך די אויגן צו!
ניט וואָלקנדל, ניט רעגנדל,
ניט זאַנגעלע, ניט מילכעלע,
ניט ציגעלע, ניט ווייסעלע,
ניט ווייסעלע, ניט מעשהלע...
מיין מיידעלע ביסטו!

דער פרייַלעכער ווינקל

1. גיכריידענישן (זאָג גיך):

טרעפּ אַרויף, טרעפּ אַראָפּ.
אַ צעטעלע אונטערן טעצעלע.
פיר פורן פאָרן פירן קאָרן באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ.

2. רעטענישן.

1. גייט און גייט און שטייט אויף איין אָרט. וואָס איז דאָס?
2. ניט קיין קלייד און גענייט, ניט קיין בוים און פול מיט בלעטער.
3. אַלעמען באַנייט עס, אַלעמען באַקליידט עס, און אַליין גייט עס נאַקעט.

3. וויצן.

— וועלכע פון דיינע ברידער האָסטו מער ליב — מאָטעלען צי בערעלען?

— איך טאָר דאָס דיר ניט אויסזאָגן.

— פאַר וואָס?

— איך האָב מורא, אַז בערעלע וועט מיך שלאָגן.

איך ווייס ניט.

לערער: וואָס פאַר אַ דריי ווערטער באַנוצן די קינדער אין שול?

שילער: איך ווייס ניט.

לערער: ריכטיק. האָסט געטראָפן!

ווער ווייס?

שטעל אויס די ווערטער לויט דער אָרדענונג פון די בילדער

שפיגל, טיש, שטול, בעט, ביכער־אַלמער.



מוטערסטאָג

א

דער לערער האָט געזאָגט אַז איבער מאָרגן איז מוטערסטאָג און די קינדער וועלן אין שול האָבן אַ יום־טוב. ער האָט געבעטן אַז יעדער קינד זאָל צו דעם יום־טוב אָנשרייבן אַ קאָמפּאָזיציע וועגן דער מאַמען.

אין אָוונט האָט דוד זיך גענומען גרייטן[1] צו שרייבן די קאָמפּאָזיציע. ער איז אַרומגעגאַנגען איבערן צימער, געקנייטשט דעם שטערן און געטראַכט.

— „שווער,“ — האָט ער געזאָגט, — „איז דער אָנהייב. דערנאָך וועט שוין זיין גרינגער.“

דער טאַטע האָט געשמייכלט, די מאַמע האָט געלאַכט.

— „אַ דאַגה,“ — האָט זי געזאָגט, — „אַן אָנהייב. אויב דו וועסט מיך פאָלגן, וועל איך דיר זאָגן ווי אַזוי אָנצוהייבן“.

— „ווי אַזוי ?“

מען הייבט אָן : „אַלע מאַמעס זיינען שלעכט, אָבער מיינע איז די ערגסטע. אין דער פרי ווען מיר ווילט זיך שלאָפן, צווינגט זי מיך אויפצושטיין און טרייבט מיך צו

1. זיך גענומען גרייטן — started to prepare himself. 2. דאַגה (דייגע) אַן אָנהייב — it is simple to find an opening sentence. א

וואַשן זיך מיט קאַלטע וואַסער, צו עסן, צו טרינקען, צו מאַכן די לעקציעס ...״

דוד לאַכט:

— „אַזוי טוען גוטע מאַמעס.״

— „בין איך הייסט עס אַ גוטע מאַמע גאָר?״

— „די בעסטע.״

די מאַמע קוועלט[1] און זאָגט צום טאַטן:

— „אַבי דו זאָגסט...״

ב

דעם מאַמע־טאָג האָט מען געפּייערט[2] אין שול ווייער שיין.

די שול איז געווען אין גאַנצן באַצירט[3] מיט בלומען און אויף די ווענט זיינען געהאַנגען אויפשריפטן: „זאָל לעבן די מאַמע!״ „זיי באַגריסט, מאַמעשי!״

אַ קינד האָט גערעדט אין נאָמען פון אַלע קינדער, באַגריסט די ליבע, האַרציקע מאַמעס און זיי געוואונטשן אַ סך פרייד און נחת[4].

דער כאָר האָט געזונגען אַ ליד צו דער מאַמען.

דער לערער האָט אויך געזאָגט אַ פּאָר ווערטער צו די מאַמעס און גערעדט וועגן די קאָמפּאָזיציעס וואָס די קינדער האָבן געשריבן.

איין שילער, דוד, — האָט ער געזאָגט, — האָט אָנגעשריבן זייער אַ שיינע קאָמפּאָזיציע, וואָס הייבט זיך אָן מיט אַ ליד:

אַלצדינג קריגט מען דאָך צו קויפן,
אַלצדינג קריגט מען אין דער וועלט —
נאָר אַ מאַמע, זי איז איינציק,
נאָר זי קריגט מען נישט פאַר געלט.

דער לערער האָט געלייענט עטלעכע זאַצן פון דודס קאָמפּאָזיציע און געזאָגט:

---

1. קוועלט — is delighted. 2. געפּייערט — celebrated. 3. באַצירט — adorned. 4. נחת (נאַכעס) — delight, pleasure.

— „קינדער, וואָס שרייבן אַזוי וועגן דער מאַמען, זיינען אַ גרויסע פרייד."

דודס מאַמע, וואָס איז געווען אויפן יום־טוב, האָט געוויינט פון פרייד.

ג

דעם טאָג האָט דוד אַ סך מאָל איבערגעלייענט פאַר דער מאַמען זיין קאָמפּאָזיציע און יעדער מאָל האָט זי אים געקושט און געגלעט.

— „הייסט עס, אַז דו האָסט אַ גוטע מאַמע?"

— „די בעסטע," — האָט דוד געזאָגט.

— „עס איז גאָרנישט דאָ אַזאַ אוצר ווי אַ מאַמע, זאָגסטו?"

— „ניין."

אין אָוונט איז דוד אַרויס אויפן גאַס צו זיינע חברים און זיך מיט זיי געשפּילט. די קינדער זיינען געלאָפן, געשפּרונגען, געטאַנצט און זיך פריילעך געמאַכט.

ווען עס איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט, איז דודס מאַמע אַרויסגעקומען אין גאַס און גענומען רופן איר קינד:

— „דוד! דוד!"

דוד איז געווען שטאַרק פאַרטאָן אין שפּיל און אַפילו נישט געהערט ווי די מאַמע רופט אים. די מאַמע האָט אים געדאַרפט נאָכיאָגן און אָנכאַפּן ביי דער האַנט.

— „דוד!"

— „וואָסי?"

— „דער טאַטע קומט שוין אַהיים עסן. לויף אַריין אין קראָם און ברענג מיר פוטער."

— „שפּעטער..."

— „ניין, איך דאַרף שוין."

— „גיי אַליין צו, מאַמע, עס איז דאָך נאָר אַ טריט."

— „דוד!..."

---

1. געגלעט — caressed. 2. אוצר (אויצער) — treasure. 3. געשפּרונגען — jumped. 4. פאַרטאָן — absorbed.

— „איך וויל זיך שפּילן...״
די מאַמע האָט גאָרנישט גערעדט און איז אַליין אַוועק
אין קראָם.

ד

שפּעטער, ווען אַלע זײַנען געזעסן בײַם טיש, האָט די
מאַמע געהייסן דודן איבערלייענען די קאָמפּאָזיציע און
ווען ער האָט געענדיקט, האָט זי אים געזאָגט, אַז די קאָמ־
פּאָזיציע טויג נישט.

— „פֿאַר וואָס?״ — האָט דוד געפֿרעגט.

— „ווײַל אַלץ וואָס דו האָסט געשריבן איז נישט אמת״.

— „למשל?״ — האָט דער טאַטע געפֿרעגט.

— „ער שרײַבט, אַז ער האָט ליב די מאַמע, אַז אַ מאַמע
איז אַן אוצר, אַ מאַמע קריגט מען נישט פֿאַר קיין געלט אין
דער וועלט, אָבער ווען איך האָב אים געשיקט נאָך פּו־
טער...״

דוד האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, וואָס זײַנען פֿול גע־
וואָרן מיט טרערן.

— „זײַ מיר מוחל...״

— „פֿאַר וואָס זאָל איך דיר מוחל זײַן, ווײַל דו האָסט
געשריבן אַ ליגן און אָפּגענאַרט מיך, דעם לערער, די קינ־
דער?״

דוד האָט אַרומגענומען די מאַמע און צוגעזאָגט, אַז
מער וועט עס נישט געשען.

און די מאַמע האָט אים מוחל געווען.

1. קראָם — store. 2. ניט אמת (עמעס) — not true. 3. למשל (לעמאָשל) — for example, for instance. 4. זײַ מיר מוחל (מויכל) — forgive me.

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. ווי האָט מען אין שול געפֿייערט מוטערסטאָג? 2. וואָס האָט דוד געשריבן וועגן זײַן מאַמען? 3. וואָס האָט פּאַסירט יענעם אָוונט? 4. האָט דוד באמת ניט ליב געהאַט זײַן מוטער? 5. פֿאַר וואָס האָט ער זי ניט געפֿאָלגט? 6. וואָס איז געשען ווען אַלע זײַנען געזעסן בײַם טיש? 7. פֿאַר וואָס האָט די מאַמע מוחל געווען דודן? 8. וואָס איז וויכטיקער, דאָס וואָס אַ מענטש זאָגט, צי דאָס וואָס ער טוט?

איינצאָל און מערצאָל

רעטעניש

וואָס רוישט שטאַרקער ווי אַ מיל ? — צוויי מילן.
ביי טאָג גייט דאָס, ביינאַכט שטייט דאָס ? — די שיך.

מיל — איינצאָל	שוך — איינצאָל
מילן — מערצאָל	שיך — מערצאָל

וואָס איך האָב

האָב איך אַ פּאָר הינט, הינט, וואָס זיי מאַכן טינט, טינט.
האָב איך אַ פּאָר בערן, בערן, וואָס זיי שטיבער קערן, קערן.
האָב איך אַ פּאָר צינגן, צינגן, וואָס זיי קינדער ווינגן, ווינגן

הונט — איינצאָל	הינט — מערצאָל
בער — איינצאָל	בערן — מערצאָל

שפּאַס־אויפגאַבע

איז געגאַנגען אַ מאַן אין שטאָט אַריין
האָבן אים באַגעגנט וויבער ניין,
יעדע וויבל טראָגט ניין אַלטע זעק,
אין יעדן זאַק ליגן ניין אַלטע קעץ,
יעדע קאַץ האָט ניין קליינע קעצלעך ;
וויבער, קעצלעך, קעץ און זעק,
וויפל זיינען אין שטאָט אַוועק ?

שרייב אָן: 12, 16, 21.

פראַגע

8 שטעקנס האָבן 16 עקן. וויפל עקן וועלן בלייבן, אויב מע וועט 4 פון זיי אָפּהאַקן ?

לעמעך גייט עפּעס קויפן

דער ווינט כאַפּט צו לעמעכס דאָלער

די מאַמע האָט געשיקט לעמעכן אין קראָם עפּעס קויפן.

— געדענק זשע! — האָט אים די מאַמע אָנגעזאָגט, — זאָלסט שוין קיין נאַר ניט זיין, ניט אַוועקגעבן דאָס געלט אַ מאַן, וואָס דו ווייסט אים ניט און קענסט אים ניט.

— מער שוין ניט, מאַמע! וועסט זען! — האָט לעמעך געענטפערט, — איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז איך וועל שוין זיין קליגער.

— הלוואַי, — האָט די מאַמע געזאָגט, — גיי, מיין קינד!

און לעמעך איז אַרויס פון הויז, און דאָס געלט, וואָס די מאַמע האָט אים געגעבן, האָט ער געהאַלטן אָפן אין

האַנט, ווייל אַזוי, האָט ער גערעכנט, איז בעסער: ער וועט אויף דעם קאַנען קוקן און ניט פאַרלירן.

דאָס מאָל האָט איר די מאַמע גראָד געגעבן אַ פּאַפּי-רענעם דאָלער. נו, האָט זיך אויפגעהויבן אַ ווינט און האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם דאָלער פון לעמעכס האַנט און אַוועק-געבלאָזן ווייט־ווייט, אַז לעמעך האָט ניט געקאָנט זען, וואו דאָס איז אַהינגעקומען.

איז לעמעך אַ ווײַלע געשטאַנען און האָט געטראַכט וואָס צו טאָן, און איז אַוועק צוריק אַהיים.

די מאַמע האָט אויף אים גענומען שרייען:

— וואו איז דאָס געלט?

— דער ווינט האָט צוגעכאַפּט, — האָט לעמעך גע-ענטפערט.

די מאַמע זאָגט לעמעכן ער זאָל ניט זיין קיין נאַר

— וואָס? ווי אַזוי? — האָט די מאַמע ניט אויפגע-הערט צו שרייען.

לעמעך האָט איר דערציילט, ווי עס איז געווען. האָט זי אויף אים גענומען נאָך מער שרייען.

— סטייטש, ווי איז מען דאָס אַזאַ לעמעך, אַזאַ נאַר, צו טראָגן דאָס געלט אָפן אין האַנט!

האָט איר לעמעך דערציילט, פאַר וואָס ער האָט דאָס געטאָן. האָט זי אויף אים נאָך מער גענומען שרייען:

— זאָלסט מער ניט זיין אַזאַ נאַר! דו הערסט? אין קעשענע זאָלסטו טראָגן דאָס געלט, אָדער אין האַנט, שטייף פאַרמאַכט!

— און געדענק זשע נאָך אַ מאָל, — האָט זי אים ווײַ-טער אָנגעזאָגט — זאָלסט ניט אַוועקגעבן דאָס געלט צו אַ מאַן, וואָס דו ווייסט אים ניט און דו קענסט אים ניט, אַזוי ווי דו האָסט דאָס שוין איין מאָל געטאָן.

— יע, מאַמע! — האָט לעמעך צוגעזאָגט.

און ער איז אַרויס פון הויז, און דאָס געלט האָט ער שוין מער ניט געטראָגן אָפן אין האַנט.

לעמעך וויל נישט געבן קיין געלט דעם קרעמער

קומט ער צו גיין אין קראָם און בעט דאָרטן, וואָס די מאַמע האָט אים געהייסן. גיט אים דער קרעמער, וואָס מע דאַרף און בעט ביי אים דאָס געלט. זאָגט לעמעך: ער וועט ניט געבן.

קוקט אים אָן דער קרעמער און מאַכט צו אים:

— וואָס מיינסטו, יינגל, דו וועסט ניט געבן? אַז דו וועסט מיר ניט געבן קיין געלט, וועל איך ביי דיר אָפּ־נעמען די סחורה!

זאָגט לעמעך:

— איר קאָנט אָפּנעמען, אָבער קיין געלט וועל איך אייך ניט געבן, ווייל איך קען אייך ניט און איך ווייס אייך ניט.

מאַכט דער קרעמער:

— ביסט אַ נאַר, יינגל! — דו דאַרפסט מיך ניט קע־נען. איך גיב דיר סחורה, דאַרפסטו מיר געבן געלט.

זאָגט לעמעך:

— איך וויל פון קיין זאַך ניט וויסן! אַז איך קען אייך ניט און איך ווייס אייך ניט, דאַרף איך אייך קיין געלט ניט געבן. די מאַמע האָט מיר אַזוי געזאָגט: ניט צו געבן קיין געלט צו אַ מאַן, וואָס איך קען אים ניט און ווייס אים ניט. ווייל אַ מאַן האָט מיך שוין אַזוי אָפּגענאַרט איין מאָל.

און לעמעך האָט אים דערציילט די מעשה ווי אַזוי ער האָט איין מאָל געטראָגן דאָס געלט אָפן אין האַנט און אַ מאַן האָט ביי אים אויסגענאַרט, געזאָגט אים, אַז ער וועט פאַר אים טראָגן דאָס געלט, ווייל עס איז שווער פאַר אַזאַ יינגל, און מער האָט ער שוין דעם מאַן ניט געזען.

צעלאַכט זיך דער קרעמער און פרעגט:

— ווי רופט מען דיך, ייַנגל?
— לעמעך!
— פּאַסט דיר דער נאָמען! — האָט דער קרעמער געענטפערט — ווייל דו ביסט טאַקע אַ לעמעך.
— איך וועל אייך קיין געלט ניט געבן! — האָט לעמעך געזאָגט. און ער איז אַרויס פון קראָם מיט ליידיקן.

לעמעך בלייבט אַ לעמעך

קומט ער אַזוי אַהיים, פרעגט אים די מאַמע:
— וואָס ווייטער? ווידער האָט מיט דיר עפּעס געטראָפן?
— אָ, ניין, מאַמע! — האָט לעמעך מיט פרייד געענטפערט — איך בין שוין דאָס מאָל געווען קלוג. דער מאַן אין קראָם האָט ביי מיר געבעטן געלט, אָבער איך קען אים ניט און איך ווייס אים ניט, האָב איך אים ניט געגעבן.
— האָסטו דערווייל גאָרנישט ניט געקויפט? — האָט די מאַמע געפרעגט.
— אַז ער האָט ביי מיר געוואָלט צונעמען דאָס געלט!
האָט די מאַמע פאַרבראָכן מיט די הענט — אַזאַ נאַר ביסטו דאָס? איך האָב ניט געמיינט דעם קרעמער, נאָר אַ מענטשן פון גאַס, וואָס דו קענסט אים ניט און דו ווייסט אים ניט. דער קרעמער גיט דאָך דיר סחורה, דאַרפסטו אים צאָלן.
— איצטער וועל איך שוין וויסן — האָט לעמעך געזאָגט.
אָבער די מאַמע האָט זיך שוין מער ניט געוואָלט פאַרלאָזן אויף אים און זי איז אַליין אַוועק אין קראָם.

וויסטו וואָס די ווערטער באַטייטן?

סחורה	מורא	הלוואי

רעטענישן

צוויי מאַמעס האָבן צו פינף קינדער, אַלע קינדער הייסן מיט איין נאָמען.

צוויי ברידער זיצן אויף איין בוים און זעען זיך ניט.

פיר ברידער טראָגן איין היטל.

איך האָב קיין פיס ניט און גיי, איך האָב קיין הענט ניט און שלאָג.

(זייגער, טיש, פינגער, אויגן)

דערשרייב לויטן מוסטער:

אויג — אויגן	
שול ________	העפט ________
טיש ________	טייך ________
מענטש ________	ווינט ________
יאָר ________	פּאַפּיר ________
אוונט ________	גאַס ________

דערקלער מיט וואָס איז אין די פריערדיקע ווערטער די איינצאָל אַנדערש פון דער מערצאָל.

בלום — בלומען	מאַשין ________
באַן ________	שניי ________
בין ________	צייטונג ________

מיט וואָס איז די איינצאָל אין די ווערטער אַנדערש פון דער מערצאָל?

געדענק:

איין פענצטער — צוויי פענצטער	איין שוועסטער—דריי שוועסטער.
איין פינגער — אַלע פינגער.	איין עפּל — אַ סך עפּל.

שרייב צו די מערצאָל:	
טיש ————	באַן ————
מענטש ————	ווינט ————
שניי ————	מאַשין ————
גאַס ————	אויג ————
העפט ————	בלום ————
	מאַמע ————

אין וואַסער וואָרט איז די מערצאָל אַנדערש ווי ביי אַלע פרי־ערדיקע? ווייסטו נאָך אַזעלכע ווערטער?

ווי ווערט זיין די מערצאָל פון טאַטע, זיידע, בלייפעדער?

איינצאָל:	מערצאָל:
איך	מיר
דו	איר
ער	זיי

איינצאָל אָדער מערצאָל

אַ לערער האָט געפרעגט ביי אַ שילער:

— זאָג מיר, בערעלע, הויזן איז איינצאָל אָדער מער־צאָל?

— פון אויבן איינצאָל און פון אונטן מערצאָל — האָט בערעלע געענטפערט.

אַ שפּאַס.

אין אַ שטוב זיינען געווען צוויי ברידער: איינער און קיינער. איינער איז אַרויס דורכן פענצטער און קיינער דורך דער טיר. ווער איז געבליבן אין שטוב?

דאָס ייִנגעלע מיטן רינגעלע

אַמאָל איז געווען אַ ייִנגעלע, האָט ער געהאַט אַ רינ־געלע. שפּילט ער זיך אַזוי איין מאָל אין גאַס, גליטשט זיך ביי אים אַרונטער דאָס רינגעלע פון פינגערל און נעמט זיך קייקלען און קייקלען, ביז עס איז ניט געוואָרן.

ווייס ניט דאָס ייִנגעלע, וואו ס'איז אַהינגעקומען זיין רינגעלע. זוכט ער אַהין, אַהער — ניטאָ דאָס רינגעלע!

גייט פאַרביי אַ ציגיינערקע. זעט זי, דאָס ייִנגעלע זוכט עפּעס, פרעגט זי ביי אים:

— וואָס זוכסטו, ייִנגעלע?

ענטפערט דאָס ייִנגעלע:

— איך זוך מיין רינגעלע.

זאָגט צו אים די ציגיינערקע:

— קום, ייִנגעלע, איך וועל דיר ווייזן, וואו דיין רינ־געלע איז.

מיינט דאָס ייִנגעלע, אַז די ציגיינערקע ווייס פון זיין

רינגעלע, נעמט ער מיט איר גיין. גייען זיי אַזוי און גייען, ביז דעם ייִנגעלע האָבן גענומען די פיסלעך ווי צו טאָן. פרעגט דאָס ייִנגעלע.

— איז נאָך ווייט צו מיין רינגעלע?

ענטפערט די ציגיינערקע:

— נאָך אַ ביסעלע, ייִנגעלע, און מיר וועלן קומען צו דיין רינגעלע.

זיינען זיי אַזוי געגאַנגען, ביז זיי זיינען געקומען הינטערן שטאָט אויף אַ פעלד, וואו עס זיינען געשטאַנען ציגיינערשע בוידן מיט אַ סך ציגיינער און ציגיינערקעס און ציגיינערלעך.

האָט די ציגיינערקע צוגעפירט דאָס ייִנגעלע פונעם רינגעלע צו די ציגיינער מיט די ציגיינערקעס און זיי האָבן אַלע גענומען ריידן צווישן זיך אויף זייער לשון, אויף ציגיי־נער־לשון, און דאָס ייִנגעלע פונעם רינגעלע האָט גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען.

רופט זיך אָן דאָס ייִנגעלע צו דער ציגיינערקע:

— נו, וואו איז מיין רינגעלע?

ענטפערט די ציגיינערקע:

— אויף וואָס דאַרפסטו דיין רינגעלע? דו בלייב בע־סער דאָ, ייִנגעלע.

זאָגט דאָס ייִנגעלע:

— גיב מיר מיין רינגעלע, און איך וועל גיין אַהיים.

זאָגט די ציגיינערקע:

— ניין, אַהיים וועסטו ניט גיין. דו וועסט דאָ בלייבן מיט אונדז און ווערן אַזאַ ציגיינער ווי מיר.

האָט דאָס ייִנגעלע גענומען וויינען און בעטן זיך:

— ניין, איך וויל ניט זיין קיין ציגיינער. איך וויל גיין אַהיים צו מיין טאַטן, צו מיין מאַמען.

האָבן די ציגיינער אים אויסגעלאַכט און האָבן אים אַריינגעוואָרפן אין אַ בויד און אים געהייסן זיין שטיל, אויב ניט — וועלן זיי אים שלאָגן.

ליגט דאָס יינגעלע פונעם רינגעלע אין דער ציגיינער־שער בויד און טראַכט, וואָס וועט דאָ ווערן מיט אים, און ווי אַזוי וועט ער קומען אַהיים צו זיין טאַטן, צו זיין מאַמען.

און אויפן רינגעלע האָט זיך דאָס יינגעלע אין גאַנצן פאַרגעסן, און ער איז געלעגן אַזוי שטיל, ווי אַ קאַטינקע, אין דער ציגיינערשער בויד, ביז עס איז געוואָרן נאַכט, און אַז עס איז געוואָרן נאַכט, האָבן די ציגיינער פונאַנדער־געלייגט גרויסע פייערן און גענומען שפּילן און טאַנצן און זינגען אויף ציגיינער־לשון.

אַז דאָס יינגעלע פונעם רינגעלע האָט דערהערט ווי די ציגיינער זינגען און טאַנצן אַרום די פייערן, האָט זיך אים אויך פאַרוואָלט זינגען און שפּרינגען מיט זיי צוזאַמען.

איז דאָס יינגעלע אַרויסגעקראָכן פון בויד און זיך אונטערגעגנבעט צו די ציגיינער און גענומען מיט זיי טאַנצן אין קאַראַהאָד און זינגען זייערע ציגיינערשע לידער. און די ציגיינער זיינען געווען אַזוי פריילעך, אַז זיי האָבן אים גאָרנישט באַמערקט. און זיי האָבן אַזוי לאַנג געטאַנצט, ביז זיי האָבן זיך איינגעמאַטערט און זיינען אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד און איינגעשלאָפן. און דאָס יינגעלע פונעם רינגעלע איז אויך איינגעשלאָפן.

שלאָפט אַזוי דאָס יינגעלע פונעם רינגעלע. מיט אַ מאָל דערפילט ער עפּעס אין האַנט, טאַפּט ער דאָס און טאַפּט און טאַפּט: אַהאַ, זיין רינגעלע! ווילט זיך אים ניט גלייבן, כאַפּט ער זיך אויף און גיט אַ קוק, ערשט טאַקע זיין רינגעלע!

וואונדערט ער זיך: ווי אַזוי קומט צו אים זיין רינ־געלע? נעמט דאָס רינגעלע ריידן צו אים, ווי אַ מענטש רעדט:

— יינגעלע, יינגעלע!
איך בין דיין רינגעלע!

און דאָס רינגעלע דערציילט דעם יינגעלע, אַז בעת די ציגיינערקע האָט צוגעגנבעט דאָס יינגעלע, איז פאַרביי־געגאַנגען אַ ציגיינער און האָט צוגעגנבעט דאָס רינגעלע.

און אַזוי איז דאָס רינגעלע געקומען צו דעם זעלבן אָרט, וואו דאָס יינגעלע.

— איך האָב געזען, יינגעלע, — האָט געזאָגט דאָס רינגעלע, — ווי דו ביסט געלעגן אין בויד. איך בין דערמאָלט געלעגן ביים ציגיינער אין קעשענע, און ווען דו ביסט אַרויסגעקראָכן פֿון בויד טאַנצן, בין איך אויך אַרויסגעקראָכן פֿון קעשענע און האָב אויך געטאַנצט און געדרייט זיך גלייך מיט דיר, נאָר דו האָסט מיך ניט געזען. ערשט, ווען אַלע זיינען איינגעשלאָפֿן און דו אויך, בין איך צו דיר געקומען און האָב דיך אויפֿגעוועקט. קום מיט מיר, יינגעלע, אַהיים, טאַטע־מאַמע זיינען דאָרט אַליין.

זאָגט דאָס יינגעלע:

— אָבער איך ווייס ניט, ווי צו גיין אַהיים!

זאָגט דאָס רינגעלע:

— האָב ניט קיין מורא, איך וועל דיר ווייזן. איך בין געוואָרן אַ צויבער־רינגעלע, און וואָס דו וועסט וועלן, וועסטו ביי מיר קריגן. שנעל טו מיך אָן אויפֿן פֿינגער, און מיר וועלן גיין.

האָט דאָס ייִנגעלע אָנגעטאָן דאָס רינגעלע, און ער האָט גענומען גיין.

האָבן דעם ייִנגעלע גענומען ווײ טאָן די פֿיסעלעך, זאָגט ער צום רינגעלע:

— איך קען מערניט גיין צו פֿוס. גיב מיר אַ פֿערד און וואָגן, וואָס זאָלן מיך טראָגן.

איז געוואָרן אַ פֿערד און וואָגן, און דאָס ייִנגעלע האָט זיך אַרײַנגעזעצט און איז אין אַ רגע געקומען אַהיים.

טאַטע־מאַמע האָבן זיך דערפֿרייט, ווען זיי האָבן דער־זען דאָס ייִנגעלע מיטן רינגעלע... און דאָס ייִנגעלע מיטן רינגעלע האָט זיי דערציילט, וואָס מיט אים האָט זיך גע־טראָפֿן.

לשון	בעת	צוגעגנבעט	מורא

פֿראַגעס: 1) וואָס פֿאַר אַ רינגעלע האָט ייִנגעלע געהאַט? 2) ווי אַזוי האָט דאָס רינגעלע געראַטעוועט דאָס ייִנגעלע פֿון די ציגײַנער? 3) פֿאַר וואָס האָט ייִנגעלע־רינגעלע ניט געוואָלט בלײַבן בײַ די ציגײַ־נער און לעבן צווישן זיי? 4) וועלכע שטעל אין דער מעשה מיינסטו איז די שענסטע?

אויפֿגאַבעס: 1) זאָל דער קלאַס צונויפֿשטעלן אַ פּלאַן פֿון דער מעשה. די קינדער טיילן איין די מעשה אין פֿאַרשיידענע טיילן און רופֿן אָן יעדן טייל מיט אַ נאָמען.

צום בײַשפּיל:

א. דאָס ייִנגל פֿאַרלירט דאָס רינגעלע.

ב. אַ ציגײַנערקע פֿאַרנאַרט דאָס ייִנגעלע.

2) די קינדער דערציילן די מעשה לויט דעם פּלאַן, וואָס דער קלאַס האָט צונויפֿגעשטעלט.

זאַץ און וואָרט

זאָג עפּעס וועגן דעם וואָס דו זעסט אויפן בילד.

צום ביישפּיל:

דער יינגל גייט אין שול.

דאָס וואָס דו האָסט געזאָגט איז אַ זאַץ.

זאָל יעדער שילער זאָגן אַ זאַץ וועגן בילד.

אויפגאַבע. — שטעל אויס די ווערטער אַזוי, עס זאָל זיך באַקומען אַ גאַנצער זאַץ.

שניי פאַלט אַ עס	ציימונג אַ טאַטע לייענט
וואַרעם איז שטוב אין	דער
עסן טיש זיצן די און ביים	שוין שפּעט ס׳ווערט
קינדער	די שלאָפן גייען קינדער

אויפגאַבע.

אָנשטאָט דעם שטריך שטעל צו ווערטער וויפל דו ווילסט און וועלכע דו ווילסט, אַבי עס זאָל זיך באַקומען אַ זאַץ.

שרייב אַריבער די פּאַרטיקע זאַצן אין העפט. ווען דו ענדיקסט אַ זאַץ שטעל אַ פּינטל.

די קינדער זיינען אַרוים פון ______
די מאַמע גיט עסן די ______
דאָס הינטל ______
דאָס קעצל ליגט און ______
איך הער אַ ______
דער גלאָק ______

ס'איז גוט צו האָבן אַ ______
איך האָב פיינט רעגנדיקע ______
ווינטער איז בעסער פון ______
אונדזער לערער איז אַ ______
איך האָב ליב צו ______
מאָרגן איז מיין ______



וועד קען צוטראַכטן אַ מעשהלע צום בילד? מע קען אַזוי אָנהייבן: די מאַמע איז אַוועק. די קינדער זיינען געבליבן אַליין אין שטוב.

וואָס איז געווען די פראַגע, אויב דאָס איז דער ענטפער?

1. דער זייגער מוז איצט זיין האַלב נאָך זיבן.
2. איך לייען אַ בוך.
3. ניין, עס רעגנט ניט!
4. איך בין געווען קראַנק, דערפאַר בין איך ניט געווען אין שול.
5. ניין, איך בין ניט הונגעריק.
6. יע, ער איז מיין ברודער.

7. איך בין געקומען דער ערשטער.
8. אט ליגט דיין מאַנטל.
9. איך וויל ניט גיין שפּאַצירן.
10. מיין פאָטער האָט ניט קיין אַרבעט.

וואָס דאַרף זיין דער ענטפער, אויב דאָס איז די פראַגע?

1. לערנט מען מאָרגן אין שול?
2. ביסט מיד?
3. פאַר וואָס ביסטו אַזוי פאַרשוויצט?
4. איז דאָס דיין בוך?
5. דער טאַטע איז שוין געקומען אַהיים?
6. וואו איז מאַטעלע?
7. וואו האָסטו אַוועקגעלייגט מיין היטל?
8. ווי שפּעט איז איצט?
9. פאַר וואָס ביסטו נעכטן ניט געווען אין שול?

אויפגאַבע.

פאַרענדיק די זאַצן. פאַרגעס ניט צו שטעלן אַ פּינטל (.), פרעג־צייכן (?) אָדער אויסרוף־צייכן (!), ווען דו ענדיקסט דעם זאַץ.

1. איך בין נעכטן ניט ——————
2. מיין פאָטער קומט פון ——————
3. מיין מוטער איז אַלע מאָל ——
4. וואָס זאָל איך איצטער ——————
5. דער זיידע איז שוין ——————
6. ליי מיר דיין ——————
7. שאַ, זאָל ——————
8. פון וואָס מאַכט מען ——————
9. איך האָב אַ ——————
10. וואָס פאַר אַ טאָג ——————

שפּיל אין ווערטער און זאַצן.

עס שפּילט אַ קלאַס. איין שילער זאָגט אַ זאַץ. דער צווייטער הייבט אָן אַ זאַץ מיטן וואָרט, מיט וועלכן דער ערשטער ענדיקט; דער דריטער הייבט אָן אַ זאַץ מיטן וואָרט, מיט וועלכן דער צווייטער ענדיקט, אאַז"וו.

איינער זאָגט, למשל: „איך לייען אַ בוך", דאַרף דער צווייטער זאָגן: „אַ בוך האָב איך גענומען אין ביבליאָטעק" אאַז"וו.

ווער עס קען ניט צונויפשטעלן קיין זאַץ, דער גייט אַרויס פון שפּיל אָדער גיט אַ פאַנד.



די מעשה מיטן מבול

נח בויט אַ תבה

אַ סך, אַ סך יאָרן נאָך דעם ווי דער ערשטער מענטש, אָדם, איז געשטאָרבן, זיינען די מענטשן געוואָרן זייער, זייער שלעכט. זיי האָבן זיך געקריגט און געשלאָגן. זיי האָבן באַרויבט און געהרגעט איינער דעם צווייטן.

האָט גאָט געזאָגט:

— עס איז ניט גוט אַזוי! איך האָב דאָך באַשאַפן אַ שיינע וועלט. איך האָב אָנגעזאָגט דעם מענטשן, אַז ער זאָל זיין גוט און אַז ער זאָל אָפּהיטן די שיינע וועלט און זען, אַז די וועלט זאָל אַלע מאָל זיין שיין און גוט, און איצט איז די וועלט אַזוי שלעכט? צו וואָס טויג מיר אַזאַ וועלט? איך דאַרף ניט אַזאַ וועלט!

נאָר איין גוטער מענטש איז יעמאָלט געווען אויף דער וועלט. ער האָט געהייסן נח. נח איז געווען אַ שטילער און אַן ערלעכער.

האָט גאָט געזאָגט צו נחן:

— איך האָב געזען אַז די מענטשן אויף דער וועלט זיי־נען זייער, זייער שלעכט. וועל איך ברענגען אַ מבול אויף

דער וועלט און וועל אומברענגען אַלע שלעכטע מענטשן. אָבער דו, נח, מאַך דיר אַ תבה, אַ גרויסן קאַסטן, וואָס זאָל קענען שווימען אויפן וואַסער, און גיי אַריין אין אים, דו און דיין הויזגעזינד.

אַז נח האָט געהערט, אַז עס וועט זיין אַ מבול וואָס וועט פאַרדעקן די גאַנצע ערד, האָט ער גענומען האַקן האָלץ און זיך מאַכן אַ תבה. ער האָט גענומען גרויסע שטאַרקע ביימער און האָט זיי אונטערגעשניטן און האָט געבויט דעם גרויסן קאַסטן, די תבה.

אַז די מענטשן האָבן געזען וואָס נח טוט, האָבן זיי אים געפרעגט:

— וואָס טוסטו, נח, צו וואָס דאַרפסטו אַזוי פיל האָלץ?

האָט נח זיי געענטפערט:

— איך זאָלט וויסן אַז גאָט וועט ברענגען אַ מבול אויף דער ערד און דאָס גרויסע וואַסער וועט אייך אַלע פאַרדעקען, ווייל איר זייט זייער, זייער שלעכטע.

— דערפאַר, ליבע מענטשן, מאַך איך אַ קאַסטן צו ראַטעווען זיך און מיין הויזגעזינד.

אָבער די מענטשן האָבן געלאַכט און געזאָגט:

דו ווילסט אונדז איבערשרעקן, נח? מיר האָבן ניט קיין מורא פאַר קיין מבול, מיר האָבן ניט קיין מורא פאַר גאָט!

און די מענטשן זיינען ווייטער געווען שלעכט. זיי האָבן זיך ווייטער געקריגט און געשלאָגן. זיי האָבן ווייטער גערויבט און געהרגעט איינער דעם צווייטן.

יעמאָלט האָט נח פאַרענדיקט בויען זיין תבה.

נח אין דער תבה

גאָט האָט געזאָגט צו נחן:

— נעם אַריין אין דער תבה אַ פּאָר פון יעדן מין פון אַלע לעבעדיקע זאַכן: אַ לייב און אַ לייביכע, אַ בער און

אַ בעריכע, אַ וואָלף און אַ וואָלפּיכע, אַן אָקס און אַ קו — אַזוי פון אַלע חיות, פון אַלע בהמות און פייגל און פון די אַנדערע לעבעדיקע באַשעפענישן.

און נח האָט אַריינגעבראַכט אין דער תבה אַ פּאָר פון יעדן מין פון אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן. ער האָט אויך אַריינגענומען אַ סך עסן, פאַר זיך און זיין ווייב און פאַר אַלע חיות און בהמות און פייגל און די אַנדערע לעבעדיקע זאַכן.

אַז די לעבעדיקע באַשעפענישן זיינען שוין געווען אין תבה, האָט זיך דער מבול אָנגעהויבן. דאָס גרויסע וואַסער פון הימל האָט געגאָסן און געגאָסן און האָט צוגע־דעקט אַלע זאַכן אויף דער ערד. און די תבה איז געשוואו־מען אויף די גרויסע וואַסערן פערציק טעג און פערציק נעכט.

אַז דער מבול האָט אָנגעהויבן גיסן, איז אויף דער גאַנצער וועלט געוואָרן פינצטער. אויך אין נחס תבה איז געוואָרן פינצטער.

האָט נח פון ערגעץ אַרויסגענומען אַ גרויסן דימענט. דער דימענט איז געווען אַזוי גרויס און ער האָט אַזוי גע־שיינט, אַז אין תבה איז געוואָרן ליכטיק.

האָט נח אויפגעהאָנגען דעם דימענט אין מיטן סופיט, און ס'איז געוואָרן ליכטיק איבער דער גאַנצער תבה.

נח גייט אַרויס פון דער תבה

נאָך פערציק טעג און נעכט האָט דער מבול אויפ־געהערט. האָט נח געוואָלט וויסן צי מ'זעט ערגעץ ערד,

האָט ער אַרויסגעשיקט פון דער תּבה אַ פויגל, דעם שוואַרצן ראָב. איז דער ראָב געפלויגן, געפלויגן און האָט ניט גע־פונען קיין איין שטיקל ערד וואו זיין פוס אָוועקצושטעלן. אומעטום איז געווען וואַסער און וואַסער. איז דער ראָב צוריקגעקומען צו נחן.

האָט נח אַרויסגעשיקט פון דער תּבה די טויב. איז די טויב געפלויגן, געפלויגן, און האָט אויך ניט געפונען קיין שטיקל ערד וואו איר פוס אָוועקצושטעלן. אומעטום איז געווען וואַסער און וואַסער. איז אויך די טויב צוריקגעקומען צו נחן.

האָט נח געוואַרט עטלעכע טעג און האָט ווידער אַרויסגעשיקט די טויב. איז די טויב צוריקגעקומען און האָט געבראַכט אין מויל אַ בלעטעלע פון אַן איילבערט־בוים. האָט נח געוואוסט, אַז מ׳זעט שוין ערד אוןביימער.

איז נח אַרויס פון דער תּבה, ער און זיין ווייב און זיינע קינדער, און די חיות און די בהמות און די פייגל. און די ערד האָט ווידער געגעבן איר פרוכט. און גאָט האָט גע־בענטשט נחן און זיינע קינדער און ער האָט געזאָגט:

— „ווערט מער און מער און פילט אָן די ערד. און איר זאָלט הערשן איבער אַלע חיות און בהמות און פייגל אויף דער ערד, און איבער די פיש אין וואַסער, און איר זאָלט וויסן: מער וועט קיין מבול אויף דער ערד ניט זיין״.

און גאָט האָט באַשאַפן אין הימל דעם רעגנבויגן און האָט געזאָגט צו נחן:

— יעדער מאָל ווען די מענטשן וועלן זען אין הימל דעם רעגנבויגן, זאָלן זיי וויסן, אַז איך געדענק מיין וואָרט — מער וועט קיין מבול אויף דער ערד ניט זיין.

אָדם	נח	מורא	תּבה	בהמות	מבול

ווינטער

שניי, שניי

שניי, שניי, ווייסער שניי!
כ'האָב אויף דיר אַ יאָר געוואַרט.
קום זשע היינט און מיך דערפריי,
זיי נישט אַזוי איינגעשפּאַרט!

כ'האָב אַ שליטן אָנגעגרייט,
הענטשקעס וואַרעמע אַ פּאָר,
פאַל אויף גאַסן, פאַל אויף פּלויט,
פאַל אויף מיינע בלאָנדע האָר!

האָט דער שניי זיך צוגעהערט,
איז געקומען היינט ביינאַכט.
אין דער פרי איז ווייס די ערד,
ווייס דער בוים און ווייס דער דאַך.

טראַכט צו אַ מעשה צו דעם בילד.

איר קענט אָנהייבן אַזוי: מיר האָבן לאַנג געוואַרט אויפן שניי, אָבער קיין שניי איז ניט געווען.



דערציילט א מעשה: מיר מאכן א שניי־מענטש.

ווער קען צוטראכטן א מעשה צו דעם בילד?

חנוכה

חנוכה־שפיל

— גוט יום־טוב אייך, קינדער,
מיר קומען פֿאַרשטעלט:
אַ דריידל, אַ ליכטל
און חנוכה־געלט.

— איך בין אַ דריידל
כ׳פֿאַרשפּיל און געווין
מיט נון און מיט גימל,
מיט היי און מיט שין.

— איך בין אַ ליכטל
געצונדן, צעהעלט,
באַלייכט איך די יידן
די פֿינצטערע וועלט!



— כ׳בין חנוכה־געלט.
הייב אָן קלייבן פֿון היינט,
פֿאַר ניצלעכע זאַכן,
מתנות פֿאַר פֿריינד.

— גוט יום־טוב אייך, קינדער,
מיר קומען פֿאַרשטעלט:
אַ דריידל, אַ ליכטל
און חנוכה־געלט.

צום ציידן אויף לאַטקעס

א.

— היינט, זונעלע, וועסטו גיין פרי שלאָפן, וואָרעם מאָרגן איז דאָס דריטע ליכטל, וועלן מיר גיין צום זיידן אויף לאַטקעס און מיר וועלן דאָרטן פאַרברענגען ביז שפּעט אין דער נאַכט.

אַזוי האָט געזאָגט די מאַמע צום ייִנגעלע מיטן רינגעלע. און דאָס ייִנגעלע מיטן רינגעלע האָט שוין געוואוסט, וואָס איז דאָס פאַר אַ דריט ליכטל. ער האָט געוואוסט, אַז עס איז חנוכּה, צינדט מען חנוכּה־ליכטלעך, יעדער טאָג צינדט מען אָן מיט אַ ליכטל מער, אַזוי גאַנצע אַכט טעג, ביז עס ענדיקט זיך חנוכּה און עס ווערט שוין אויס יום־טוב.

צום דריטן ליכטל, ווייס דאָס ייִנגעלע מיטן רינגעלע, גייט מען צום זיידן אויף לאַטקעס. אַלע יאָר אַזוי, זינט ער געדענקט. דער זיידע גיט אים אַ דריידל, אויסגעגאָסן פון בליי, און ער דרייט דאָס דריידל, און ס'איז אַזוי פרייליך! און די באָבע דערלאַנגט די הייסע לאַטקעס צום טיש און דער זיידע דערציילט מעשׂיות פון חנוכּה, אַזעלכע שיינע מעשׂיות.

ב.

האָט דאָס יינגעלע מיטן רינגעלע געזאָגט „אַ גוטע נאַכט“ דעם טאַטן און דער מאַמען און איז אַוועק שלאָפן.

שלאָפט ער אַזוי און שלאָפט, דערמאָנט ער זיך, אַז ער דאַרף דאָך גיין אויף יענער זייט טייך צום מלך אין פּאַלאַץ, און זען דאָרטן דעם בן־מלך מיט דער בת־מלכה. גייט ער אַזוי און גייט, ערשט עס קומט אים אָן אַנטקעגן דער זיידע. פרעגט אים דער זיידע:

— וואוהין גייסטו ?

ענטפערט יינגעלע־רינגעלע :

— איך גיי צום מלך אין פּאַלאַץ.

פרעגט דער זיידע :

— און צו מיר אויף לאַטקעס גייסטו גאָרניט ? עס איז

דאָך שוין חנוכה, דאָס דריטע ליכטל !

ענטפערט יינגעלע־רינגעלע :

— ניין, זיידינקע, איך מוז פריער גיין צום מלך, ווייל איך גיי שוין און גיי אַזוי לאַנג צו אים און קאָן אַלץ ניט קומען. דאָרטן, זאָגט מען, איז אַזוי שיין און אַזוי פריילעךביים מלך.

אַז דאָס יינגעלע מיטן רינגעלע וויל אַוועקגיין, האַלט אים אָפּ דער זיידע און מאַכט צו אים :

— וואַרט נאָר, איך וועל דיר פריער דערציילן אַ מעשה מיט אַ מלך, וועסטו זען, אַז מיט אַ מלך איז גאָרניט פריילעך.

און דער זיידע האָט גענומען דערציילן די מעשה.

ג.

— אַמאָל איז געווען אַ מלך, איז ער געווען אַ שלעכטער, אַ רשע מרושע. האָט ער אַלע יידן געהרגעט און

געשלאָגן און מער האָט מען שוין ניט געקענט פאַרטראָגן. ער האָט געכאַפּט, למשל, אַ קליין יינגעלע און האָט אים אויסגעשניטן דאָס צינגעלע, ווייל ער האָט ניט געוואָלט בוקן זיך צו זיין רינגעלע. עס איז ניט געווען אַזאַ רינג־געלע ווי דיינס, אַ שיינס און אַ פיינס. עס איז געווען אַ רינג־געלע וואָס טוט שלעכטס. און אַזוי האָט ער מיט אַלע־מען געטאָן, געהרגעט און געשלאָגן און מער האָט מען אים שוין ניט געקענט פאַרטראָגן.

איז אויפגעשטאַנען איינער, אַ הויכער און אַ שיינער, און האָט געזאָגט צו אַלעמען: „לאָמיר גיין שלאָגן דעם מלך, און ער וועט שוין אונדז מער ניט שלאָגן!" האָבן אַלע געזאָגט: „לאָמיר גיין, לאָמיר גיין!" און זיי זיינען אוועק שלאָגן דעם מלך. אָבער דער מלך האָט געהאַט אַ סך סאָלדאַטן. איז געוואָרן אַ גרויסע מלחמה צווישן דעם מלכס סאָלדאַטן און די יידן, און מע האָט זיך אַזוי לאַנג געשלאָגן, ביז די יידן האָבן געוואונען און דער מלך איז אַנטרונען. האָבן די יידן זיך געפרייט, וואָס זיי זיינען פּטור געוואָרן פון אַזאַ רשע און זיי האָבן געמאַכט אַ יום־טוב חנוכה און אָנגעצונדן ליכטלעך און עס איז געווען פריילעך אָן דעם מלך.

אַט אַזוי האָט דער זיידע דערציילט, און דאָס יינגעלע מיטן רינגעלע איז געשטאַנען און האָט געהערט. און אַז דער זיידע האָט געענדיקט דערציילן, האָט ער געזאָגט צום יינגעלע מיטן רינגעלע:

— זעסט, וואָס עס איז אַמאָל געווען פאַר אַ מעשה מיט אַ מלך? און איך האָב מורא, אַז דיין מלך איז אויך ניט בעסער. גיי ניט צו אים, קום בעסער צו מיר אויף לאַטקעס, און איך וועל דיר געבן אַ דריידל אויך.

האָט געזאָגט דאָס יינגעלע מיטן רינגעלע:

— רעכט, זיידע, איך וועל גיין מיט דיר.

ד.

האָבן זיי גענומען גיין. האָט אָבער אין מיטן דערינען גענומען שנייען, און עס האָט געשנייט אַזוי שטאַרק, אַז מע האָט ניט געקענט זען ווי צו גיין. רופט זיך אָן ייִנגעלע־רינגעלע:

— זיידע, אַ שניי גייט.

מאַכט דער זיידע:

— אַ דאגה, זאָל ער אויך גיין. דער וועג איז גענוג ברייט און גרויס, אי פֿאַר מיר, אי פֿאַר דיר, אי פֿאַרן שניי. לאָמיר גיין זאַלבעדריט. און חנוכה איז גוט, אַז עס גייט אַ שניי, ס׳איז פֿריילעכער.

זיינען זיי געגאַנגען ווייטער, גייען זיי און גייען און דעם וועג זעען זיי ניט. און דער שניי ווערט אַלץ טיפֿער און טיפֿער, און עס ווערט שווער צו גיין. מאַכט דער זיידע צום ייִנגעלע:

— שאַ, דו האָסט דאָך אַ רינגעלע, וואָס טוט פֿאַר דיר אַלץ אין דער וועלט. בעט ביי אים אַ שליטן.

זאָגט דאָס ייִנגעלע:

— יאָ, יאָ, זיידע! איך וועל דאָס טאַקע טאָן.

און דאָס ייִנגעלע האָט גלייך אַ זאָג געטאָן צום רינגעלע:

פֿון דער מיטן, פֿון דער מיטן
זאָל מיר אַרויס אַ שליטן!

און ווי דאָס ייִנגעלע האָט דאָס אַרויסגערעדט, אַזוי איז געוואָרן גלייך אַ שליטן, געשפּאַנט אין דריי טייערע פֿערד, פֿלינקע ווי די הירשן און שטאַרקע ווי די לייבן.

ייִנגעלע־רינגעלע האָט זיך אַריינגעזעצט אין שליטן און דער זיידע אויך, און דער שליטן איז געפֿלויגן פֿייל פֿון

בויגן דורך שטורעם און שניי, ביז ער האָט זיי געבראַכט צום זיידנס הויז.

דער זיידע מיטן אייניקל זיינען אַהין אַריין און זיי האָבן דאָרטן געהוליעט ביזן גרויען טאָג אַריין.

דאָס יינגעלע מיטן רינגעלע האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף.

ווי זאָגט מען אַנדערש?

מאַכט צו אים — זאָגט צו אים.
רשע — אַ שלעכטער.
רשע מרושע — זייער אַ שלעכטער מענטש.
איז אַנטרונען — איז אַנטלאָפן, איז פאַרשוואונדן.
רעכט, זיידע — גוט, זיידע.
פלינק — גיך.
געהוליעט — זיך פריילעך געמאַכט.

וואָס באַטייט?

ניט געקענט פאַרטראָגן —
דער שליטן איז געפלויגן פייל פון בויגן —
ביזן גרויען טאָג —

ווייסטו וואָס די ווערטער באַטייטן? קענסטו זיי לייענען?

יום־טוב	רשע
חנוכה	רשע מרושע
מלך	פטור ווערן
בן־מלך	מלחמה
בת־מלכה	אַ דאגה
	למשל

איך בין און איך האָב

געדענק !

מע זאָגט :

איך בין געשלאָפן	איך בין געלאָפן
איך בין אויפגעשטאַנען	איך בין געשפּרונגען
איך בין געגאַנגען	איך בין געפאַלן.

לערן דאָס אויס אויף אויסנווייניק.

געווײנטלעך זאָגט מען איך האָב

איך האָב גענומען	איך האָב געשריבן
איך האָב געגעבן	איך האָב געלייענט
איך האָב געבראַכט	איך האָב געמאָלן

געדענק אָבער : איך בין	געווען געוואָרן געפאָרן געקומען געבליבן געזעסן

ווער קען דערציילן ?

שרייב אַליין אַן אַ מעשהלע !

אויפן גליטש. פלעכט אריין די ווערטער :

איין מאָל	גליטשערס
אין אָוונט	גליטשן זיך
מען לאַכט	געפאַלן
וואַרפן שנייקוילן	נאָז
אַ פראָסט	צעשלאָגן
אַ ווינטל	ווינט

אַ מעשה מיט אַ חנוכּה־דריידל

א.

יאָסעלע האָט געהאַט זייער אַ שיינעם זיידן, מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד. און דער זיידע האָט זייער ליב געהאַט יאָסעלען, און יאָסעלע האָט זייער ליב געהאַט דעם זיידן.

אויף חנוכּה האָט דער זיידע געבראַכט יאָסעלען אַ דריידל.

— נאַ, — האָט דער זיידע צו אים געזאָגט, — ביסט אַ גוטער יינגל, נאַ דיר אַ חנוכּה-דריידל.

האָט יאָסעלע ניט געוואוסט, ווי צו דרייען דאָס חנוכּה-דריידל. זאָגט צו אים דער זיידע:

— גיב אַהער, יאָסעלע, דאָס חנוכּה-דריידל און איך וועל דיר ווייזן ווי צו דרייען.

האָט דער זיידע אַ דריי געטאָן, און דאָס חנוכּה-דריידל איז ביי אים אַוועק אַזוי ווי אַ מזמור:

דריידעלע, דריידעלע, דריי זיך!
יאָסעלע, יאָסעלע, פריי זיך!
דער טאַטע וועט געבן חנוכּה־געלט,
די מאַמע וועט באַקן לאַטקעס אַ וועלט!

און דאָס דריידל דרייט זיך און דרייט זיך, דרייט זיך אַהין און דרייט זיך אַהער, און יאָסעלע פרייט זיך און שרייט: „טאַטע, קום אַהער! זע, ווי דאָס חנוכּה-דריידל דרייט זיך!" און דער זיידע פרייט זיך אויך, און ער גלעט זיין לאַנגע ווייסע באָרד און מאַכט צו יאָסעלען:

— אַהאַ, דו זעסט! חנוכּה איז גוט! מיר וועלן באַלד עסן לאַט-קעס אויך; זאָל זיך נאָר דאָס דריידל אָפּדרייען.

און דאָס דריידל דרייט זיך און דרייט זיך, און יאָסעלע פרעגט:

— זיידע, ווען וועט דאָס דריידל אויפהערן צו דרייען זיך?

און דער זיידע ענטפערט:

— ווען עס וועט זיך איינמאַטערן, וועט עס אַ פאַל טאָן און מער ניט דרייען זיך.

ב.

און דער זיידע האָט טאַקע געטראָפן: ווען דאָס דריידל האָט זיך איינגעמאַטערט, האָט דאָס מיט אַ מאָל אַ פאַל געטאָן און זיך מער ניט געדרייט.

האָט יאָסעלע אַ כאַפּ געטאָן דאָס דריידל און דאָס אַ דריי געגעבן. האָט זיך דאָס דריידל ווידער גענומען דרייען.

האָט זיך דאָס דריידל געדרייט און געדרייט, ביז עס איז אַראָפּגעשפּרונגען פון טיש אויף דר'ערד און האָט זיך ווידער געדרייט, גאָרניט אויפגעהערט צו דרייען זיך, אַלץ ווייטער און ווייטער; און יאָסעלע איז אים אַלץ נאָכגעגאַנגען, פון צימער צו צימער, ביז דאָס דריידל איז צוגעקומען צו דער טיר.

ביי דער טיר האָט זיך דאָס דריידל ווייטער געדרייט. האָט יאָסעלע געמיינט, אַז דאָס דריידל וויל אַרויסגיין און בעט זיך דאָס, אַז מען זאָל אים עפענען די טיר. האָט יאָסעלע אים געעפנט די טיר. ווי ער האָט געעפנט די טיר, איז דאָס דריידל גלייך אַרויסגעלאָפן, און יאָסעלע נאָך אים. און קיינער אין שטוב האָט דאָס ניט געזען.

איז יאָסעלע געלאָפן נאָכן דריידל פון איין גאַס אין דער צווייטער, און יאָסעלע האָט געמיינט, אַז דאָס דריידל וועט זיך גאָר קיין מאָל ניט אָפּשטעלן.

ענדלעך האָט זיך דאָס דריידל אָפּגעשטעלט אין אַן אָרעמער גאַס, לעבן אַן אָרעם הויז. דאָס דריידל האָט זיך דריי מאָל אַ דריי געטאָן און דריי מאָל אַ קלאַפּ געטאָן אין טיר. האָט יאָסעלע פאַרשטאַנען, אַז דאָס דריידל וויל אַריינגיין אין הויז, און יאָסעלע האָט אויך געוואָלט אַריין אין הויז, זען, וואָס דאָס דריידל וועט דאָרטן טאָן.

ג.

דאָס דריידל האָט זיך געדרייט און געדרייט, גיט זיך אַ דריי און אַ קלאַפּ אין טיר, אָבער קיינער עפנט ניט. האָט יאָסעלע אָנגעקלאַפּט אין טיר און אויסגעשריען:

— ווער איז דאָ אין הויז,
זאָל מיר גלייך אַרויס!

איז אַרויס אַ ייִנגעלע אַזוי ווי יאָסעלע, נאָר אַן אָרעמער, אין צעריסענע זאַכן, אַ פאַרפאַרענער און אַ הונגעריקער. אַז דאָס אָרעמע ייִנגעלע האָט דערזען דאָס חנוכּה־דריידל, האָט ער דאָס אַ כאַפּ געטאָן. האָט יאָסעלע גענומען וויינען און בעטן ביים ייִנגעלע:

— גיב מיר אָפּ מיין חנוכּה־דריידל. דאָס האָט מיר מיין זיידע געבראַכט.

זאָגט דאָס ייִנגעלע:

— אָבער איך וויל אויך האָבן אַ חנוכּה-דריידל.

ענטפערט יאָסעלע:

— בעט דיין זיידן, וועט ער דיר אויך ברענגען אַ חנוכּה-דריידל.

זאָגט דאָס יינגעלע:

— איך האָב ניט קיין זיידן. מיין זיידע איז געשטאָרבן.

רופט זיך אָן יאָסעלע:

— בעט דיין טאַטן, וועט ער דיר ברענגען אַ חנוכּה-דריידל.

ענטפערט דאָס יינגעלע:

— מיין טאַטע איז ניטאָ. מיין טאַטע איז אויך געשטאָרבן.

פרעגט יאָסעלע:

— און קיין מאַמע האָסטו אויך ניט?

ענטפערט דאָס יינגעלע:

— אַ מאַמע האָב איך יאָ, אָבער מיין מאַמע איז אַוועק אַרבעטן, פאַרדינען געלט.

פרעגט יאָסעלע ווייטער ביים יינגעלע:

— און קיין לאַטקעס וועסטו גאָרניט עסן? היינט איז דאָך חנוכּה.

זאָגט דאָס יינגעלע:

— איך ווייס, אַז היינט איז חנוכּה און אַלע עסן לאַטקעס. אָבער די מאַמע האָט קיין געלט ניט אויף צו מאַכן לאַטקעס. די מאַמע איז מיד פון דער אַרבעט. זי האָט קיין כּוח ניט צו באַקן לאַטקעס.

האָט יאָסעלע געפרעגט:

— וועסטו גאָרניט עסן קיין לאַטקעס?

ד.

און יאָסעלע האָט זיך צעוויינט, וואָס דאָס אָרעמע יינגעלע וועט ניט עסן קיין לאַטקעס. רופט זיך אָן יאָסעלע צום יינגעלע:

— ווייסטו גאָר וואָס, יינגעלע? קום צו מיר אַהיים, וועט דיר מיין מאַמע געבן לאַטקעס.

פרעגט דאָס יינגעלע:

— און דאָס חנוכּה-דריידל?

ענטפערט יאָסעלע:

— קענסט דאָס האַלטן. מיין זיידע וועט מיר געבן אַן אַנדער דריידל.

האָט דאָס יינגעלע זיך זייער געפרייט, וואָס יאָסעלע האָט אים

אוועקגעשענקט דאָס דריידל. און דאָס ייִנגעלע איז אוועק מיט יאָסעלען עסן לאַטקעס ביי יאָסעלען אין דער היים.

אויפן וועג פרעגט יאָסעלע ביים ייִנגעלע:

— ווי רופט מען דיך, ייִנגעלע?

זאָגט דאָס ייִנגעלע:

— טעוועלע רופט מען מיך, און ווי רופט מען דיך?

ענטפערט יאָסעלע:

— ווייסטו גאָרניט, אַז מע רופט מיך יאָסעלע?

זיי זיינען ביידע געקומען צו יאָסעלען אַהיים. און אין דער היים האָט מען זיך געוואונדערט, וואו איז יאָסעלע אַהינגעקומען. אַז זיי האָבן אים דערזען מיטן ייִנגעלע, האָבן זיי אים געפרעגט, וואו איז ער געווען און וואָס איז דאָס פאַר אַ ייִנגעלע. האָט זיי יאָסעלע אַלצדינג דערציילט, ווי דאָס חנוכה-דריידל האָט אים אוועקגעפירט צום ייִנגעלע אַהיים, אַז דאָס ייִנגעלע האָט ניט קיין זיידן און קיין טאַטן, קיינעם ניט, נאָר אַ מאַמע, אָבער די מאַמע קען ניט באַקן קיין לאַטקעס, ווייל זי אַרבעט און זי האָט קיין געלט ניט.

— איך האָב אים געבראַכט אַהער, מאַמע, זאָלסט אים געבן לאַטקעס — האָט יאָסעלע געזאָגט — און דו, זיידע, גיב מיר אַן אַנדער דריידל, ווייל מיינס האָב איך טעוועלען אוועקגעגעבן. זעסט, אַט האַלט ער דאָס.

האָט דער זיידע אַ קניפּ געטאָן יאָסעלען אין בעקעלע און געזאָגט אים:

— ביסט אַ גוט ייִנגעלע, יאָסעלע, איך וועל דיר געבן אַן אַנדער דריידל.

און טעוועלע האָט געגעסן לאַטקעס צוזאַמען מיט יאָסעלען, און יאָסעלע האָט אים דערנאָך אָפּגעפירט אַהיים, און פון יעמאָלט אָן האָבן זיי זיך ביידע געשפּילט אין איינעם, און וואָס יאָסעלע האָט געהאַט, האָט ער טעוועלען געגעבן.



חנוכה־ליכט אין מײדאַנעק

א

דאָס איז געװען אָנהײב װינטער פֿון יאָר 1942, אין פּױלן. די דײטשן האָבן פֿאַרטריבן אַ סך ייִדן אין לאַגער מײדאַנעק אױף שװערער אַרבעט. מײדאַנעק איז געװען אַ טױטן־לאַגער, װאו אַ האַלב מיליאָן ייִדן האָבן פֿאַרלאָרן זײער לעבן.

אײן מאָל, אין אַ װינטערנאַכט, זײנען ייִדן געזעסן אין אַ גרױסן שטאַל און גערעדט צװישן זיך:

— „עס קומט חנוכה...״

— „מען דאַרף קריגן חנוכה־ליכטלעך...״

— „װעלן מיר זײ אָנצינדן אין דער שטיל...״

דאָס האָט געהערט מאָטל. ער איז אין לאַגער געװען אײנער אַלײן, אָן טאַטע און מאַמע, ער האָט געאַרבעט צו־זאַמען מיט די גרױסע ייִדן בײ דער שװערער אַרבעט. ער איז געװען אַ קלוגער און דרײסטער ייִנגל. ער האָט געהאַט אַ שװאַרצן קאָפּ מיט גרױסע שװאַרצע אױגן. ער האָט גע־הערט װי די ייִדן רעדן שטילערהײט, װעגן חנוכה־ליכט־לעך, איז דאָס אים זײער געפֿעלן געװאָרן. ער האָט אױך געװאָלט, אַז מען זאָל חנוכה אָנצינדן חנוכה־ליכטלעך.

— „אַז זײ װעלן כאַפּן, װעלן זײ שלאָגן, הרגענען״, — האָט אײן ייִד געזאָגט.

— „זײ װעלן אונדז שיסן,״ האָט געזאָגט אַן אַנדער ייִד.

דאָס האָט אָבער ניט אָפּגעשטעלט די ייִדן. זײ זײנען געװען גרײט אױף אַלץ, אַבי אָנצוצינדן חנוכה־ליכטלעך. זאָלן די דײטשן טאָן װאָס זײ װילן!...

— „מירן דאָס מאַכן אין דער שטיל, די דײטשן װעלן ניט װיסן...״ — האָט אײנער פֿון די ייִדן געזאָגט.

— „חונכה־ליכט איז אַ גרױסע מצװה״, — האָט אײנער אױסגערופֿן.

— „אין חנוכה איז אַמאָל געשען אַ גרויסער נס, אפשר וועט היינטיקן חנוכה געשען מיט אונדז אַ נס אין מיידאַ־נעק,” — האָט געזאָגט אַן אַנדער ייד.

מען האָט זיך גענומען שאַפן חנוכה־ליכטלעך. דאָס איז געווען ניט אַזוי גרינג. מען האָט געדאַרפט צוליב דעם איינשטעלן דאָס לעבן. מען האָט דאָס געטאָן און מען האָט באַקומען חנוכה־ליכטלעך.

1. לאַגער — camp. 2. שווערע אַרבעט — hard work.
3. שטאַל — stable. 4. אָנצינדן — kindle. 5. דרייסטער — brave, courageous. 6. דאָס איז אים געפעלן געוואָרן — he liked the idea.
7. הרגענען (האַרגענען) — murder. 8. ניט אָפּגעשטעלט — did not stop.
9. גרייט געווען — were ready. 10. אָבּי — אָבער — however, but.
11. מצוה (מיצווע) — good deed. 12 נס (נעס) — miracle.
13. איינשטעלן דאָס לעבן — to risk their life. 14. ווינקל — corner.

ב

עס איז געקומען דער ערשטער חנוכה־אָוונט. עט־לעכע יידן זיינען זיך צונויפגעקומען אין אַ ווינקל פון שטאַל און אָנגעצונדן דאָס ערשטע ליכטל און געמאַכט אין דער שטיל אַ ברכה:

— „געלויבט ביסטו גאָט, אונדזער גאָט... וואָס דו האָסט אונדז געהייליקט... און באַפוילן אָנצוצינדן ליכט פון חנוכה...”

מאָטל איז דערביי געווען. דאָס איז אים זייער געפעלן געוואָרן. די גאַנצע צייט, וואָס דאָס ליכטל האָט געברענט, איז ער געלאָפן כסדר פון שטאַל אַרויס אין דרויסן צו זען, אויב עס גייט ניט אַ דייטשישער וועכטער. ניטאָ קיין דייטש. דאָס חנוכה־ליכטל ברענט אין אַ ווינקל פון שטאַל און לייכט מיט אַזאַ וואונדערלעכן ליכט. יידן שטייען אַרום דעם ליכטל און שעפּטשען שטיל־שטיל אַ חנוכה־תפילה. מאָטל איז אויפגערודערט. עס געפעלט אים זייער. עס ציטערן אים אַלע ביינער.

דאָס ערשטע ליכטל איז אָפּגעגאַנגען בשלום. דעם צווייטן חנוכה־אָונט האָט מען אָנגעצונדן דאָס צווייטע חנוכה־ליכטל. אין ווינקל פון גרויסן טונקעלן שטאַל איז געווען יום־טוב. עס איז געווען חנוכה אין מיידאַנעק. די דייטשן האָבן ניט געזען אויך דאָס צווייטע חנוכה־ליכטל. מאָטל האָט זיך געפרייט מיטן חנוכה־ליכט, האָט זיך גע־פרייט מיט דעם יום־טוב. יידן צינדן חנוכה־ליכט די נאַציס אויף צו להכעיס!...

מיטן דריטן ליכטל איז געקומען אַן אומגליק.

די יידן האָבן ניט געהאַט געגוג ליכטלעך צום אָנצינדן אַזוי ווי מען פירט זיך ביי יידן — יעדן חנוכה־אָונט מיט אַ ליכטל מער, דעם צווייטן חנוכה־אָונט — צוויי ליכט־לעך, דעם דריטן — דריי, נאָר זיי האָבן אָנגעצונדן יעדן אָונט איין ליכטל.

15. געמאַכט אַ ברכה (בראָכע) — said benediction. 16. געלויבט ביסטו — blessed art thou. 17. אונדז געהייליקט — sanctified us. 18. באַפוילן — commanded. 19. אין דרויסן — outside. 20. וועכטער — guard. 21. לייכט — shines. 22. וואונדערלעך — wonderful. 23. שעפּטשען — whisper. 24. תפילה (טפילע) — prayer. 25. ציטערן — tremble. 26. ביינער — limbs. 27. בשלום (בעשאָלעם) — in peace. 28. טונקעלן — dark. 29. אויף צו להכעיס (צעלאָכעס) — to spite. 30. אומגליק — misfortune.

ג

ווען דאָס דריטע ליכטל האָט געהאַלטן אין מיטן ברע־נען און מאָטל איז געווען שטאַרק פאַרנומען מיט איינקוקן זיך אויפן ברענענדיקן ליכטל, איז אַריינגעקומען אין גרויסן שטאַל אַ נאַצי. ער האָט זיי געכאַפּט, די יידן, ער האָט זיי געפּאַקט ביי די חנוכה־ליכטלעך. ער וועט זיך איצט מיט זיי אָפּרעכענען. זיי וועלן טייער באַצאָלן פאַר אָנצינדן חנוכה־ליכטלעך אין מיידאַנעק.

— „זאָל אַרויסקומען דער ייד וואָס האָט אָנגעצונדן דאָס ליכטל!..." — האָט דער דייטש געשריען.

קיין ייד האָט זיך ניט גערירט. יעדער איינער האָט געוואוסט, אַז אַרויסטרעטן און זאָגן, „איך האָב דאָס געטאָן", וואָלט געמיינט — דער טויט.

שרייט דער דייטש:

— „אויב קיינער וועט זיך ניט מודה זיין אַליין, וועל איך אייך אַלעמען דערשיסן."

קיין ייד האָט זיך ניט גערירט, ווייל יעדער איינער האָט געוואוסט, אַז זיך מודה זיין מיינט — דער טויט.

שרייט ווידער דער דייטש:

— „איר האָט דריי מינוט צייט!..."

דעמאָלט איז אַרויסגעטראָטן מאָטעלע מיט זיין גרויסן שוואַרצן קאָפּ, גרויסן שטערן און גרויסע שוואַרצע אויגן:

— „דאָס האָב איך געטאָן..." — האָט ער געזאָגט.

אַלע יידן האָבן זיך אַרומגעקוקט — אַזאַ גבורה פון אַ קליינעם ייִנגל. מאָטל איז אַ יידישער גיבור. דער דייטש וועט אים באַלד דערשיסן.

אָבער מאָטל האָט ניט געענדיקט און ווייטער געזאָגט:

— „ווייל היינט איז דער יאָרצייט נאָך מיין מאַמען צינד איך אַ ליכטל."

דער דייטש האָט געוואוסט, אַז ביי אַ יאָרצייט צינדן יידן אַ ליכט. די יידן האָבן זיך איינגעקוקט אויף דעם קליינעם מאָטל, וואָס שטייט אַזוי קעגן דעם דייטש, קוקט אים גלייך אין פּנים אַריין, קוקט דרייסט און זאָגט:

— „מיין מאַמע איז טויט שוין אַ יאָר."

זיינען געשטאַנען די יידן, געקוקט אויף מאָטלען און געטראַכט אין דער שטיל: „ער איז אַ חכם, אַ גיבור און אַ חכם".

דער דייטש האָט געהייסן מען זאָל געבן מאָטלען

צוואַנציק שמיץ, אָבער ער האָט ניט געהייסן, מען זאָל אים שיסן. מאָטל איז געבליבן לעבן.

***

נאָך דער מלחמה בין איך געווען אין אַ יידישער שול אין פּוילן. דער לערער האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ ייִנגל, וואָס איז געזעסן צווישן די קינדער. ער האָט צו מיר געזאָגט:

— „דאָס איז מאָטל פון מיידאַנעק...״

— „מאָטל מיטן חנוכה־ליכטל...״

ער איז לעבן געבליבן, ער האָט געהערט וואָס דער לערער האָט מיר געזאָגט און — געשמייכלט.

31. פאַרנומען — busy. 32. געפּאַקט — געכאַפּט. 33. זיך אָפּרעכענען — to get even with. 34. טייער באַצאָלן — pay dearly. 35. אַרויסקומען — to step forward. 36. — גערירט — moved. 37. מודה (מוידע זיין) — to confess. 38. אַרויסגעטראָטן — moved forward. 39. גבורה (גוואורע) — העלדישקייט, heroism. 40. גיבור — hero. 41. יאָרצייט — anniversary of a person's death. 42. גלייך — straight. 43. חכם (כאָכעם) — קלוגער. 44. שמיץ — lashes. 45. מלחמה (מילכאָמע) — war. 46. געשמייכלט — smiled.

פ ר אַ ג ע ס :

1. וואו קומט די מעשה פאָר? אין וועלכער צייט? 2. לייענט די שטעל פון דער מעשה וואָס ווייזט אַז אָנצינדן חנוכה־ליכטלעך איז געווען זייער אַ געפערלעכע זאַך? 3. פאַר וואָס מיינט איר, האָבן די יידן אין לאַגער אַזוי שטאַרק געוואָלט אָנצינדן חנוכה־ליכטלעך? 4. ווער איז געווען מאָטל? וואָס ווייסן מיר וועגן אים? פאַר וואָס, מיינט איר, האָט ער זיך אַזוי שטאַרק געפרייט מיט די חנוכה־ליכטלעך? 5. וואָס איז געשען ווען דאָס דריטע ליכטל האָט געהאַלטן אין מיטן ברענען? 6 פאַר וואָס האָט זיך קיינער ניט גערירט פון אָרט ווען דער דייטש האָט געשריען: זאָל אַרויסקומען דער ייד וואָס האָט אָנגעצונדן דאָס ליכטל? 7. ווי אַזוי האָט מאָטל געראַטעוועט די יידן פון לאַגער? 8. פאַר וואָס האָבן די יידן געזאָגט אַז ער איז אַ יידישער גיבור? 9. אין וואָס איז באַשטאַנען זיין העלדישקייט און קלוגשאַפט?

לאָמיר עס נאָך אַ מאָל לערנען

מערצאָל איז ווי איינצאָל אין די ווערטער:

עפּל, בריוו, שוועסטער, פינגער, פענצטער, פריינד, לעפל.

שרייבט צו לויטן מוסטער

ן

אויג — אויגן	בער——
יאָר——	טיש——
פליג——	מענטש——
שול——	שטול —

ען

בלום — בלומען	ביין——
באַן——	מאַשין——

מערצאָל מיט ן אָדער ען

אָוונט——	ווינט——
טויער——	שניי——
העפט——	צייטונג——
גליק——	פּאַפּיר——
טייך——	גאַס——

מערצאָל ענדונג מיט ס

מאַמע — מאַמעס	געשיכטע——
טאַטע——	פּראַגע——
זיידע——	בלייפעדער——
באָבע——	אויפגאַבע —

מערצאָל מיט ־ן, ־ס אָדער מערצאָל איז ווי איינצאָל

לאָמפּ——	קעלט——
וועג——	היץ——
באַק——	פענצטער——
פינגער——	לעבן ——
בריוו——	וואָלקן ——
צימער——	טראָפּן ——
שוועסטער——	שאָטן——

מערצאָל מיט ־ן, ־ען, ־ס אָדער מערצאָל איז ווי איינצאָל

טיש——	באַן——
פריינד——	בלום——
שניי——	שול——
אָוונט——	פענצטער——
האָר——	צייטונג——
העפט——	אַרבעטער——
לעפל——	שוסטער——
גאַס——	בעקער——
לאָמפּ——	זינגער——
	שניידער——

בריוו

דעם טאַטנס בריוועלע.

א.

ברײַנדעלע איז געוואָרן אַ בריוונטרעגער. זי האָט אָנגעטאָן דעם ברודערס היטל, גענומען אויפֿן אַקסל זײַן שולטעקע און אַרויס פֿאָרנט, פֿאַר דער טיר און אָנגעקלאַפּט.

— ווער איז? — האָט די מאַמע געפֿרעגט.

— ס׳איז איך, דער בריוו־טרעגער.

— וואָס ווילט איר?

— כ׳האָב אײַך געבראַכט אַ בריוועלע פֿון אײַער מיי־דעלע ברײַנדעלע.

די מאַמע עפֿנט די טיר און ברײַנדעלע דערלאַנגט איר אַ שטיקל פּאַפּיר.

— דאָס איז דאָס בריוועלע?

— יאָ.

— עס איז דאָך גאָרנישט אָנגעשריבן?

— נייט, איר קענט נישט לייענען. גיט מיר דאָס ברי־וועלע, וועל איך אײַך זאָגן, וואָס דאָרט שטייט.

— גוט — זאָגט די מאַמע, — לאָמיר טאַקע הערן, וואָס מײַן מיידעלע שרײַבט מיר.

ברײַנדעלע נעמט אין האַנט דאָס פּאַפּירל און זאָגט:

— הערט, ליבע פֿרוי, אײַער מיידעלע שרײַבט אײַך אַזוי: ליבע מאַמע, איך האָב דיך זייער ליב... און — שוין. דאָס איז דער גאַנצער בריוו?

— יאָ.

די מאַמע נעמט דאָס פּאַפּירעלע און טראָגט עס צו דעם טאַטן.

— זע נאָר — זאָגט זי — איך האָב באַקומען אַ בריוועלע פון ברײַנדעלען.

— וואָס שרײַבט זי?

— זי שרײַבט, אַז זי האָט מיך זייער ליב.

— אַזוי, — זאָגט דער טאַטע — איך בין שוין ברוגז מיט איר.

— פאַר וואָס?

— דיר שרײַבט זי בריוועלעך און מיר נישט.

ב.

ברײַנדעלע הערט וואָס דער טאַטע זאָגט און לויפט ווידער אַרוים פאַר דער טיר און קלאַפּט אָן.

— ווער איז? — פרעגט דער טאַטע.

— דער בריווטרעגער, געבראַכט אַ בריוועלע פאַר ברײַנדעלעס טאַטן.

דער טאַטע הייבט זיך אויף, גייט צו צו דער טיר און ברײַנדעלע דערלאַנגט אים אַ שטיקל פּאַפּיר, וואָס דער טאַטע דרייט פון אַלע זײַטן.

— דאָס איז דאָס בריוועלע?

— יאָ.

— עס איז דאָך אַ ליידיק שטיקל פּאַפּיר!

— וואָס רעדסט איר, ליבער הער? — זאָגט ברײַנדעלע — איר קענט נישט לייענען. גיט מיר דאָס בריוועלע וועל איך אײַך זאָגן וואָס דאָרט שטייט.

— גוט, לאָמיר הערן.

ברײַנדעלע נעמט דאָס בריוועלע און הייבט אָן לייענען:

— ליבער טאַטע, כ׳האָב דיך זייער ליב...

— נו ? . . .

— און — שוין.

— דאָס איז דער גאַנצער בריוו ?

— יאָ.

דער טאַטע נעמט דאָס פּאַפּיר און ווייזט עס דער מאַמען.

— האַלט זיך ניט גרוים, — זאָגט ער — איך האָב שוין אויך אַ בריוועלע.

ג.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום טוט ברײנדעלע אוים דאָס היטל, נעמט אַראָפּ די טעקע פֿן אַקסל און גייט צו צו דער מאַמען מיט אַ טענה:

— מאַמע, — זאָגט זי — האָסט באַקומען אַ בריי־וועלע פון דיין מיידעלע ?

— יאָ.

— פאַר וואָס זשע ענטפערסטו נישט ?

— ס׳איז דען אַן אמת בריוועלע ?

— יאָ.

— נו, גוט, איך וועל שוין ענטפערן.

די מאַמע נעמט אַ ליידיק שטיקל פּאַפּיר און דער־לאַנגט איר.

— דאָ האָסטו דעם ענטפער.

— עס איז דאָך גאָרנישט אָנגעשריבן ?

— ניי שוין, ניי, — זאָגט די מאַמע — דו קענסט נישט לייענען. גיב מיר דאָס בריוועלע וועל איך דיר איבער־לייענען.

ברײַנדעלע דערלאַנגט איר דאָס פּאַפּירעלע און די מאַמע לײענט:

— מײַן ליב טעכטערל, איך האָב דיך פֿײַנט . . .

— איך וויל נישט, — זאָגט ברײַנדעלע — לײענען אויף אַן אמת.

— עס שטייט אַזוי אָנגעשריבן.

— ניין. עס שטייט נישט אַזוי.

— נו, גוט. מײַן ליב טעכטערל, איך האָב דיך ליב.

— זייער ליב?

— זייער ליב.

ד.

— ערשט דאַרף דער טאַטע ענטפֿערן — זאָגט ברײַנדעלע.

דער טאַטע נעמט אַ בלײַפֿעדער און שרײַבט עפּעס אַן אויף אַ שטיקל פּאַפּיר און זאָגט:

— גוט. דאָ האָסטו אַן אמת בריוועלע.

— לייען מיר איבער — זאָגט ברײַנדעלע.

— ניין, — זאָגט דער טאַטע — דאָס בריוועלע באַהאַלט און ווען דו וועסט גיין אין שול אַרײַן און זיך אויסלערנען לייענען, וועסטו מיר זאָגן, וואָס דאָרט שטייט און איך וועל דיר דערפֿאַר קויפֿן עפּעס אַ שיינע זאַך.

ברײַנדעלע האָט דאָס בריוועלע באַהאַלטן און אַלע טאָג, ווען זי שטייט אויף פֿרעגט זי:

— מאַמע, איך בין שוין גרויס? ווען וועל איך גיין אין שול?

ברוגז	אמת	טענה

שרייבן בריוו

ווער ווייס ווי מע הייבט אָן שרייבן אַ בריוו? מע הייבט אָן אַזוי: ליבער זיידע:

טייערער פריינד:

ווי ענדיקט מען? — ווער ווייס?

וואָס מיינט: אַ גרוס, איך גריס?

שרייב אָן אַ בריוו. באַנוץ די אויסדרוקן:

וואָס מאַכסטו? אַ גרוס...

וועגן וואָס און צו וועמען מע קען שרייבן:

צו אַ חבר וואָס איז ניט געזונט.

צו טאַטע־מאַמע ווען מען איז ווייט פון דער היים.

אַ בריוו צו אַ חבר וואָס האָט זיך איבערגעצויגן אין אַן אַנדער שטאָט. אַ בריוו פון וועג.

דער בריוו

אַ ייִנגל האָט אַ מאָל אָנגעשריבן אַזאַ בריוו צו זיינעם אַ פריינד:

„טייערער פריינד! נעכטן בין איך ביי דיר געווען צו גאַסט און האָב ביי דיר פאַרגעסן מיין שירעם, בעט איך דיך, דו זאָלסט אים מיר אָפּשיקן”.

אויף דעם זעלבן בריוו איז געווען צוגעשריבן:

„נאָר וואָס האָב איך זיך געכאַפּט, אַז דער שירעם שטייט ביי מיר אין ווינקל. שרייב איך דיר דעריבער, אַז דו דאַרפסט אים ניט אָפּשיקן”.

ווער קען צוטראַכטן נאָך אַזעלכע בריוו?

ייִד	ייִנגל	ייִנגער

וואָס קען מען טאָן ?

1. וואָס קען מען טאָן מיט א ב ר י ו ו ? — אָנ־שרייבן, אריינלייגן אין קאָנווערט, פאַרקלעפּן, אריינוואַרפן אין פּאָסטקעסטל. (וואָס איז דאָ אויסגעלאָזט ?)
2. וואָס קען מען טאָן מיט א פּ ע ן ? — איינטונקען אין טינט . . . (וואָס נאָך ?)
3. וואָס קען מען טאָן מיט אַ בוך ? — לייענען, אַוועקשטעלן אין שאַפע...
4. וואָס קען מען טאָן מיט אַ צייטונג ?
5. וואָס קען מען טאָן מיט קרייד ?

אַ וויץ

אַ יינגל האָט אמאָל געזען ווי אַ בריוונטרעגער שלעפּט אַ פולן זאַק מיט בריוו, קעסטעלעך און זעקעלעך.

רופט זיך אָפּ דאָס יינגעלע צום בריווטרעגער:

— איר האָט דאָך דאָס געקאָנט שיקן דורך פּאָסט. וואָלט איר פאַרשפּאָרט צו שלעפּן.

דער מאָרגן־שטערן

אַלע שטערן שוין פאַרלאָשן
און דער טאָג וואַכט אויף פון דרימל. —
בלויז איין שטערן זעט מען פינקלען
אויפן אויסגעבלייכטן הימל.

וואָס זשע בלאָנדזשעט ער דער שטערן
אינעם בלוילעכן באַגינען ?
צי האָט ער זיין היים פאַרלאָרן
און ער קען זי ניט געפינען ?

אפשר האָט ער גאָר קיין היים ניט,
וואו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן
און דערפאַר גייט ער דער ערשטער
דעם פרימאָרגן גלייך אַנטקעגן . . .

ביים ים

דער ים איז אָפן ברייט און טיף,
איך שטיי ביים ים אַליין.
איך זע פון ברעג דאָרט ווייט אַ שיף,
אין ווייטע לענדער גיין.

איך קוק איר נאָך. די זון פאַרגייט.
דער נעבל וואַקסט. דער ווינט
מיט נאַכט און קעלט אין פנים ווייט.
די ווייטע שיף פאַרשווינדט.

דער ים ווערט פינצטער, גרויס און טיף,
און רוישט ביי מײַנע פיס. —
אַ גוטע נאַכט, העי, ווייטע שיף,
אין ווייטע לענדער גרים!

דאָס גאָלדענע פישעלע

א.

ביים בלויען ים האָט אַמאָל געוואוינט אין אַ קליין שטיבעלע אַן אַלטער פישער מיט זיין ווייב.

פאַרוואַרפט איין מאָל דער אַלטער זיין נעץ אין ים און ציט אַרויס אַ גאָלדן פישעלע.

טוט דאָס גאָלדענע פישעלע אַ ציטער און זאָגט צום אַלטן:

— אַלטעטשקער! לאָז מיך צוריק אין ים אַוועק, דערפאַר וועל איך דיר געבן אַלץ, וואָס דו וועסט נאָר ביי מיר בעטן.

פאַרוואונדערט זיך זייער דער אַלטער: ווי קומט עס, אַז אַ פיש זאָלריידן? — האָט ער אָפּגעלאָזן דאָס פישעלע און געזאָגט: — גיי בשלום, דו גאָלדן פישעלע.



ב.

קומט דער אַלטער פישער צו זיין ווייב און דערציילט איר, אַז ער האָט געזען אין ים אַ גאָלדן פישעלע און אַז דאָס פישעלע האָט אים געוואָלט געבן אַלץ, וואָס ער וואָלט נאָר געבעטן.

ווערט די אַלטע זייער בייז און זאָגט:

— דו נאַר, איינער! פאַר וואָס האָסטו ביים פישעלע גאָרנישט אויסגעבעטן? כאָטש אַ טעפּל האָסטו געדאַרפט בעטן. אונדזער טעפּל האָט זיך שוין אין גאַנצן צעבראָכן.

גייט דער אַלטער צום בלויען ים, זעט ער, עס שווימט אַרום דאָס גאָלדענע פישעלע. פרעגט דאָס פישעלע:

— אַלטעטשקער, וואָס איז דיין פאַרלאַנג[1]?

פאַרנייגט זיך[2] דער אַלטער און זאָגט:

— זיי מיר מוחל[3], גאָלדן פישעלע, מיין ווייב וויל אַ ניי טעפּל.

---

1. פאַרלאַנג — desire. 2. פאַרנייגט זיך — bows. 3. זיי מיר מוחל (מויכל) — forgive me.

— גיי אַהיים, ווּעסט האָבן אַ ניי טעפּל.

קומט דער אַלטער אַהיים, זעט ער, עס שטייט אַ ניי טעפּל; נאָר די אַלטע איז נאָך בייז, ווי פריער: זי וויל, ער זאָל אויסבעטן ביים פישעלע אַ ניי הייזל.

ג.

גייט דער אַלטער ווידער צום ים און בעט אויס אַ ניי הייזל. ווערט די אַלטע נאָך בייזער, פאַר וואָס ער האָט נישט אויסגעבעטן אַ גרויס הויז.

גייט דער אַלטער נאָך אַ מאָל צום פישעלע און בעט אויס אַ גרויס הויז. אָבער די אַלטע איז נאָך בייזער, ווי פריער: גיי זאָג דעם פישעלע, — שיקט אים די אַלטע, — אַז איך וויל נישט זיין קיין פּראָסטע יידענע, איך וויל זיין אַ פּריצטע, אַן אמתע פּריצטע.

גייט ווידער צום ים דער אַלטער, און ווען ער קומט צוריק אַהיים, זעט ער: עס שטייט שוין אַ הויכער פּאַלאַץ, און אויפן גאַניק שטייט די אַלטע זיינע, גאַרנישט צו דער־קענען: אַן אמתע פּריצטע. זאָגט צו איר דער אַלטער:

— נו, פּריצטע, איצט ביסטו שוין צופרידן?

צעשרייט זיך אויף אים די אַלטע: ווי קומט עס, אַז אַ פּראָסטער פישער זאָל פאַר איר קיין דרך־ארץ נישט האָבן? און זי שיקט אים אוועק אין שטאַל אַריין צו די פערד.

1. פּראָסטע — ordinary. 2. פּריצטע — noble-woman. 3. גאַניק — balcony. 4. דרך־ארץ (דערעך־ערעץ) — respect. 5. שטאַל — stable.

ד.

אין אַ פּאָר טעג אַרום שיקט זי דעם אַלטן ווידער צום ים: זי וויל שוין נישט זיין מער קיין פּריצטע — זי וויל זיין אַ קיניגין. וויל דער אַלטער נישט גיין: — ווי קומסטו צו זיין אַ קיניגין? נאָר די אַלטע זאָגט, אַז אויב ער וועט נישט גיין מיט גוטן, וועט מען אים מיט גוואַלד אָפּפירן צום ים.

וואָס זאָל, נעבעך, טאָן דער אַלטער ? גייט ער. קומט ער פון דאָס ניי צום ים.

שווימט אַרויס דאָס פישעלע און זאָגט :

— האָב נישט קיין זאָרג, אַלטעטשקער, די אַלטע וועט זיין אַ קיניגן !

קומט דער אַלטער אַהיים, זעט ער : עס שטייט אַ קי־ניגלעכער פּאַלאַץ. אומעטום זילבער און גאָלד, די אַלטע זיצט אויף אַ גאָלדענעם טראָן און דערביי שטייען מיט דרך־ארץ גרויסע לייט. אָבער די אַלטע קוקט גאַרנישט אויף אים און די באַדינערס לאָזן אים גאַרנישט צו צו איר.

1. ווי קומסטו ? — how do you expect. 2. גוואַלד — force.
3. באַדינערס — servants.

ה.

גייט אַריבער אַ וואָך, די צווייטע, שיקט די אַלטע נאָך איר מאַן, זי וויל ווערן אַ קיניגין איבער דער גאַנצער ערד און אַלע ימען, און דאָס גאָלדענע פישעלע זאָל איר דינסט זיין.

ציטערט דער אַלטער פאַר איר, זי איז דאָך עפּעס אַ קיניגין. גייט ער צום גאָלדענעם פישעלע און דערציילט די גאַנצע געשיכטע. — זי וויל שוין זיין אַ קיניגין איבער דער גאַנצער ערד, איבער אַלע ימען, און דאָס גאָלדענע פישעלע זאָל זי באַדינען.

שווייגט דאָס גאָלדענע פישעלע, ענטפערט נישט און ווערט פאַרשוואונדן אין ים.

קומט דער אַלטער צוריק אַהיים און בלייבט שטיין ווי אַ צעמישטער : נישטאָ דער פּאַלאַץ און עס שטייט צוריק דאָס אַמאָליקע אַלטע איינגעפאַלענע הייזל, די אַלטע זיצט

אויפֿן שוועל, און נעבן איר ליגט דאָס אַלטע צעלעכערטע טעפּל...

1. **ציטערט** — trembles. 2. **באַדינען** — serve. 3. **פֿאַרשוואונדן** — disappeared. 4. **צעמישטער** — פֿאַרלאָרענער, at a loss. 5. **איינגעפֿאַלענע** — rickety. 6. **שוועל** — threshold. 7. **צעלעכערטע** — leaky.

פֿראַגעס:

1) פֿאַר וואָס איז די אַלטע געבליבן ביים איינגעפֿאַלענעם הייזל און צעבראָכענעם טעפּל?

2) פֿון וואַנען איז צו זען, אַז די אַלטע איז געווען אַ שלעכטע און בייזע? וואָס נאָך קען מען זאָגן וועגן איר?

3) איז די אַלטע געווען גערעכט, ווען זי האָט ביי דעם פֿישעלע געוואָלט אויסבעטן אַ ניי טעפּל און אַ ניי הייזל?

4) איז די אַלטע געווען גערעכט ווען זי האָט געוואָלט ווערן אַ פּריצטע און אַ קיניגין? דערקלערט פֿאַר וואָס.

5) מיט וואָס איז דער אַלטער פֿישער געווען אַנדערש ווי זיין ווייב? פֿון וואָס איז דאָס צו זען? לייענט די שטעלן פֿון דער מעשה.

6) ווי מיינט איר, איז דאָס פֿישעלע געווען גערעכט, ווען עס איז צום סוף פֿאַרשוואונדן און צוגענומען אַל־דאָס־גוטס, מיט וואָס זי האָט די אַלטע באַשאָנקען?

שטעלט צונויף אַ פּלאַן פֿון דער מעשה. טיילט איין די מעשה אין טיילן, גיט יעדן טייל אַ נאָמען. זאָל דער קלאַס דערציילן די מעשה לויט דעם פּלאַן.

קענט איר לייענען די ווערטער?

למאי	מילא	פּריצטע	אמת	חבר
קול	טענהט	זיי מוחל	מאכל	מורא
פּשוט	שבת	בשלום	טענה	אפשר
ים	דרך ארץ	חברים	שלום	שוטה

שפּיל אין שפּריכווערטער

איין קינד גייט אַרויס. די אָנטיילנעמערס טראַכטן צו אַ שפּריכוואָרט. יעדער באַקומט צו איין וואָרט. מע רופט אַריין דעם אַרויסגעשיקטן, און יעדער ברענגט פאַר אים אַרויס אַ זאַץ מיטן וואָרט, וואָס ער האָט באַקומען.

דער אַרויסגעשיקטער דאַרף טרעפן דאָס שפּריכוואָרט.

שפּריכווערטער:

ליג נִיט אָפּ אויף מאָרגן, וואָס דו קענסט היינט באַזאָרגן.

אַ ביסל און אַ ביסל ווערט אַ פולע שיסל.

אומעטום איז גוט און אין דער היים איז נאָך בעסער.

וואָס פאַר אַ „גוט מאָרגן" אַזאַ „גוט יאָר".

געבראָטענע טויבן פליען ניט אין מויל אַריין.

בעסער גוט און אַ ביסל, איידער שלעכט און אַ פולע שיסל.



ווער קען צוטראַכטן אַ מעשהלע צו דעם בילד?

חמשה־עשר בשבט

היינט איז חמשה־עשר בשבט!
לאָמיר אַלע ניט פאַרגעסן,
ארץ־ישראל־פּרוכטן צו עסן.
יידישע קינדער, נעמט איך, נאָט:

פייגן, טייטלען אָן אַ שיעור,
איינס פאַר דיר און איינס פאַר מיר.
פאַר די קינדער פון דער ווייט
און פאַר אַלע גוטע לייט.

דער טייטלבוים

א

אין ארץ־ישראל האָט אַמאָל, אַמאָל געלעבט אַ ייד וואָס האָט געהייסן מיכה. זיין הויז איז געשטאַנען ביים וועג וואָס האָט געפירט קיין ירושלים. דאָס הויז זיינס האָט מיכה געבויט פון שטיין, ווייל ער האָט ניט געוואָלט אָפּ־האַקןביימער און בויען זיך אַ הויז פון האָלץ.

איין מאָל, ווען עס איז געקומען חמשה־עשר בשבט, האָט מיכה געפלאַנצט אַ טייטלבוים לעבן זיין הויז. און דער טייטלבוים איז געוואַקסן און געוואַקסן — געוואָרן אַ הויכער און שיינער בוים און געגעבן אַ סך שאָטן.

האָט מיכה זייער ליב געהאַט זיין טייטלבוים און האָט אין דער פרייער צייט גערוט אונטער זיין שאָטן. מיכה איז

געוועזן זייער אַ גוטער מענטש, האָט ער אויך געוואָלט אַז אַנדערע זאָלן הנאה האָבן פון זיין הויכן און שיינעם טייטל־בוים. האָט ער אַוועקגעשטעלט אַ טיש און בענק אונטער דעם טייטלבוים. און יעדערער וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען זיין הויז אויפן וועג קיין ירושלים האָט געקענט קומען זיך אָפּרוען אין שאָטן פון דעם טייטלבוים. מיכה איז געשטאַ־נען ביים וועג און האָט יעדערן פאַרבעטן:

— „קומט, רוט זיך אָפּ אונטער מיין טייטלבוים, עסט עפּעס פון די שפּייזן וואָס זיינען פאַר אייך געגרייט און טרינקט פון דעם קאַלטן געטראַנק וואָס שטייט דאָ אויפן טיש פאַר אייך."

און מענטשן פלעגן זיך אָפּשטעלן, זיך פאַררוען, עסן און טרינקען פון דעם וואָס מיכה גיט זיי. די מענטשן האָבן געמיינט אַז מיכה טוט עס, ווייל ער וויל פאַרדינען פון זיי. האָבן זיי געלאָזט געלט אויפן טיש. אָבער ווען דער גאַסט האָט זיך אָפּגעקערט, פלעגט מיכה נעמען דאָס געלט און עס אַריינלייגן אין יענעמס פּעקל אָדער זעקל. און ערשט שפּעטער, ווען די מענטשן זיינען שוין געוועזן אין ירושלים, האָבן זיי זיך געכאַפּט אַז מען האָט זיי אומגעקערט צוריק דאָס געלט. און אַנדערע פלעגן עס אַפילו ניט באַמערקן.

ווען דער גאַסט איז אַוועק, האָט מיכה געלאָזט די ברעקלעך וואָס זיינען געבליבן אויפן טיש פאַר די פייגע־לעך וואָס האָבן געהאַט זייערע נעסטן לעבן זיין הויז. און די פייגעלעך פלעגן קומען, עסן די ברעקלעך און מיט זייער ציף־ציף האָבן זיי געדאַנקט מיכהן: אַ דאַנק דיר וואָס דו האָסט אויך אונדז ניט פאַרגעסן.

ב

איין מאָל איז פאַרבייגעגאַנגען מיכהס הויז אַן אַלטער מאַן. מיכה איז גראָד געשטאַנען ביים וועג און ווי שטענ־דיק, פאַרבעטן דעם אַלטן, ער זאָל זיך אָפּשטעלן אונטערן

טייטלבוים און עפּעס נעמען אין מויל אַריין. דער אַלטער האָט זיך זייער דערפרייט:

— „אַ דאַנק, אַ דאַנק, אַוודאי וועל איך זיך דאָ אָפּ־שטעלן. איך בין שטאַרק פאַרמאַטערט פון וועג און איך בין טאַקע הונגעריק אויך."

ווען דער אַלטער האָט פאַרענדיקט עסן, האָט ער אַרויסגענומען געלט און עס געלאָזט אויפן טיש. מיכה איז צוגעקומען, גענומען דאָס געלט, און ווען ער האָט געמיינט אַז דער אַלטער זעט ניט, האָט ער דאָס געלט אַריינגעלייגט אין דעם זעקל וואָס דער אַלטער האָט געהאַט מיט זיך. האָט זיך דער אַלטער אויפגעשטעלט און געזאָגט:

— „דו ביסט גוט צו מענטשן און דו העלפסט דעם וואַנדערער אויפן וועג. וויל איך דיך דערפאַר בענטשן. זאָל גאָט געבן, אַז וואו דו וועסט ניט זיין און וואו דיינע קינדער וועלן ניט זיין — זאָלסטו און דיינע קינדער און דיינע קינדס־קינדער עסן פון די פרוכטן פון אָט דעם טייטלבוים!"

מיכהן האָט זיך געדוכט אַז דער טייטלבוים ענטפערט:

— „אָמן!"

דער אַלטער איז פאַרשוואונדן. מיכה האָט פאַרשטאַנען אַז דער אַלטער איז געווען אַ נביא און אַז זיין ברכה וועט טאַקע מקוים ווערן.

ווען עס איז געקומען דער טאָג אַז דער טייטלבוים האָט שוין געגעבן זיינע ערשטע פרוכטן, און מכיה און זיינע קינדער האָבן זיך געזעצט ביים טיש צו עסן די געשמאַקע טייטלען פון דעם גרויסן און שיינעם בוים, האָבן זיי פּלוצעם דערהערט אַ טומל פון אַ מחנה וואָס דערנעענטערט זיך אויפן וועג. אין שרעק זיינען זיי אַרויס פון הויז צו זען ווער עס קומט דאָ אָן. און אָנגעקומען איז אַ שטאַרקע מחנה וואָס איז געגאַנגען איינצונעמען ירושלים. מיכה און זיינע קינדער האָבן שוין ניט געהאַט קיין צייט צו אַנטלויפן. מען האָט

זיי געקומען אין געפאַנגענשאַפט ווי נאָך טויזנטער און טויזנטער ייִדן.

ג

ווען דער קיניג פון דער מחנה איז געגאַנגען צוריק פון ירושלים מיטן זעלביקן וועג, האָט ער דערזען דעם שיינעם טייטלבוים לעבן מיכהס הויז. דאָס הויז איז געווען פאַר־לאָזן. קיינער איז שוין ניט געזעסן ביים טיש אונטערן טייטלבוים. אַפילו די פייגעלעך זיינען אַוועקגעפלויגן. נאָר דער הויכער און שיינער טייטלבוים איז זיך געשטאַנען און געוואַרעמט אין דער זון זיינע פרוכטן.

— „אַזאַ שיינעם טייטלבוים האָב איך נאָך קיין מאָל ניט געזען!" — האָט אויסגערופן דער קיניג פון דער מחנה, — „ברענגט מיר פון זיין פרוכט!" — אַזוי האָט ער באַ־פוילן זיינע מענטשן. און די מענטשן האָבן אַזוי געטאָן, און זיי האָבן געגעסן פון די געשמאַקע טייטלען. אָבער ווען דער קיניג האָט אויפגעגעסן איין איינציקן טייטל, איז דאָסביינדל געבליבן שטעקן אים אין האַלדז. ער האָט עס ניט געקענט אַרויסשפייען, ער האָט עס ניט געקענט אַרויס־נעמען, ער האָט עס אַפילו ניט געקענט אַראָפּשלינגען. מען האָט דעם קיניג אַוועקגעלייגט אויף אַ בעט און אים געטראָגן אַהיים. ווען מען האָט אים געבראַכט אין זיין הויפּטשטאָט, האָבן דעם קיניגס גרויסע דאָקטוירים סוף־כל־סוף אַרויסגענומען דאָס ביינדל פון דעם קיניגס האַלדז.

מען האָט דאָס ביינדל געגעבן אַ וואָרף אַרויס דורכן פענצטער. דאָס ביינדל האָט זיך איינגעגראָבן אין דער ערד. און פון דעם ביינדל איז געוואָרן אַ קליין דין פלאַנצל, און פון דעם דינעם פלאַנצל איז געוואָרן אַ בוים, אַ גרויסער, שיינער, הויכער טייטלבוים. און עס האָט זיך גראָד אַזוי געמאַכט אַז מיכהס קינדער האָבן געוווינט אונטער דעם טייטלבוים, און ווען עס פלעגט קומען חמשה־עשר בשבט

האָבן זיי געגעסן פֿון די פּרוכטן פֿון דעם בוים, אַזוי ווי דער אַלטער נביא האָט זיי געבענטשט.

אָבער מיכהס אייניקלעך האָבן געמוזט פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד, וואוהין מען האָט זיינע קינדער געבראַכט, און זיי זיינען אַוועק וואוינען אין אַנדערע לענדער. נאָר יעדערער האָט מיטגענומען מיט זיך אַביינדל פֿון אַ טייטל און עס פֿאַרפֿלאַנצט דאָרטן וואו מען איז געקומען. און אומעטום וואו עס האָבן זיך באַזעצט מיכהס אייניקלעך, אין יעטווידן לאַנד פֿון דער וועלט, — אומעטום האָבן זיי געגעסן די פּרוכטן פֿון דעם טייטלבוים, אַזוי ווי דער אַלטער נביא האָט געבענטשט זייער פֿאָטער מיכה.

דעריבער טרעפֿט זיך אַז ווען יידישע קינדער עסן טייטלען חמשה־עשר בשבט זאָגן זיי, אָדער טראַכטן זיי:

„ווער ווייס? אפשר בין איך אויך פֿון מיכהס קינדס־קינדער!”

אַ, פֿייגעלע, בלייבט אויף אַ רגעלע שטיין

אַ, פֿייגעלע, בלייבט אויף אַ רגעלע שטיין
און לאָזט זיך אַראָפּ צו מיר.
צי ווייסט איר וואוהין איך וואָלט זיך געלאָזט,
ווען איך האָב אויך פֿליגל ווי איר?

איך וואָלט אויך געפֿלויגן אַנטקעגן דער זון,
צום היימלאַנד פֿון אונדזער אַמאָל,
געפֿלויגן ביי טאָג און געפֿלויגן ביי נאַכט,
געקומען קיין ארץ־ישראל.

די מעשה פון פורים

א

דאס איז געווען אין די צייטן פון קיניג אחשורוש וואס האט געקיניגט איבער הונדערט און זיבן און צוואנציק לענדער.

דער קיניג אחשורוש האט געמאכט א גרויסע סעודה און געהייסן אז די קיניגין זאל קומען צו דער סעודה און זאלן אלע זען ווי שיין זי איז!... אבער די קיניגין האט ניט געוואלט קומען. האט דער קיניג אחשורוש זי געמאכט אויס קיניגין און האט אויף איר ארט גענומען פאר א ווייב די יידישע טאכטער אסתר.

דער ייד מרדכי, וואס איז געווען אסתרס קרוב, פלעגט אפט זיצן ביים קיניגס טויער. איין מאל האט ער געהערט ווי צוויי וועכטערס, וואס שטייען ביים קיניגס פאלאץ, רעדן צווישן זיך אפ צו טייטן דעם קיניג. האט מרדכי דאס דערציילט דער קיניגין אסתר, און אסתר האט דאס דערציילט דעם קיניג, און אזוי האט דער קיניג זיך געראטעוועט.

אין יענע טעג האט דער קיניג אחשורוש גרוים געמאכט איינעם א שלעכטן מענטשן מיטן נאמען המן. אלע האבן זיך געקניט און געבוקט פאר המנען. אבער דער ייד מרדכי האט זיך פאר המנען ניט געקניט און ניט געבוקט. איז המן געקומען צום קיניג און האט געזאגט:

— גרויסער קיניג! עס איז פאראן א פאלק, וואס איז צעזייט און צעשפרייט איבער דיין גאנצער מלוכה. זיי האבן זיך זייערע אייגענע געזעצן און לעבן זייער אייגן לעבן. דיינע געזעצן טוען זיי ניט, דיינע באפעלן פאלגן זיי ניט. עס איז ניט גוט, גרויסער קיניג, אז אזא פאלק זאל לעבן!

— טו מיט דעם פאלק ווי דיר געפעלט! — האט דער קיניג געענטפערט.

און המן האט ארויסגעשיקט א באפעל, אז מע זאל אין איין טאג אויסהרגענען אלע יידן, אלט און יונג, ווייבער און קינדער.

ב

אַלע יידן האָבן געוויינט און געקלאָגט. דער ייד מרדכי איז אַרומגעגאַנגען איבער אַלע גאַסן פון דער הויפּטשטאָט, און האָט געוויינט און געשריען. ער האָט געשיקט מענטשן צו אסתּרן מיט די ווערטער:

— גיי, אסתּר, צום קיניג און בעט פאַר דיין פאָלק. דו ביסט אויך אַ יידישע טאָכטער.

און אסתּר האָט געטאָן ווי מרדכי האָט איר געהייסן. זי איז געגאַנגען צום קיניג און האָט אים און המנען פאַרבעטן צו זיך אין פּאַלאַץ צו אַ סעודה.

דערווייל האָט אין יענער נאַכט דער קיניג ניט געקענט איינשלאָפן. האָט ער געהייסן, אַז מע זאָל אים ברענגען דאָס בוך, וואו עס ווערן פאַרשריבן די געשעענישן אין קיניגס הויף, און אַז מע זאָל עס לייענען פאַר אים. האָט מען געפונען פאַרשריבן די געשיכטע מיט די צוויי וועכטערס ביים פּאַלאַץ און ווי מרדכי האָט געראַטעוועט דעם קיניגס לעבן. האָט דער קיניג געזאָגט:

— האָט מען מרדכין דערפאַר באַלוינט?

— ניין! — האָבן די דינערס געענטפערט.

דערווייל איז אַריינגעקומען המן. האָט דער קיניג אים געפרעגט:

— המן, וואָס דאַרף מען טאָן מיט אַ מענטשן, וואָס דער קיניג וויל אים טייער האַלטן?

האָט המן געטראַכט:

— ער מיינט דאָך אוודאי מיך און אַ זאָג געטאָן:

— זאָל מען אַזאַ מענטשן אָנטאָן קיניגלעכע קליידער, און ער זאָל רייטן אויף אַ קיניגלעכן פערד, און דעם קיניגס אַ דינער זאָל פירן דאָס פערד איבער די גאַסן און אויסרופן:

— אַזוי ווערט געטאָן צו אַ מענטשן, וואָס דער קיניג וויל אים טייער האַלטן!

— גוט — האָט דער קיניג אויסגערופן — נעם דאָס פערד און די קליידער, און טו אַזוי צו דעם יידן מרדכי.

ג

המן האָט אַזוי געטאָן. און דעם זעלבן טאָג אין אָוונט איז המן געקומען מיט דעם קיניג צו דער סעודה אין אסתּרס פּאַלאַץ.

דאָ אין מיטן דער סעודה האָט אחשורוש געזאָגט צו אסתּרן:

— ווילסט ביי מיר עפּעס בעטן, אסתּר? אַ האַלב פון מיין מלוכה וועל איך דיר געבן.

האָט אסתּר געזאָגט:

— אויב דער קיניג איז אַזוי גוט צו מיר, זאָל מיר דער קיניג שענקען דאָס לעבן און דאָס לעבן פון מיין פאָלק. מע וויל אויסהרגענען מיך און מיין פאָלק.

— ווער איז דאָס דער שלעכטער מענטש? — האָט דער קיניג גע־פרעגט מיט כּעס.

— אָט דער המן הרשע (האָראָשע)! — האָט אסתּר געענטפערט און האָט געוויזן אויף המנען.

— הענגט אים אויף! — האָט דער קיניג געהייסן.

***

דער קיניג אחשורוש האָט גרויס געמאַכט מרדכין און מרדכי איז געוואָרן דער צווייטער צום קיניג און די יידן זיינען געראַטעוועט געוואָרן. זיי האָבן זיך געפרייט און געטאַנצט און געזונגען אין אַלע היימען און אויף אַלע גאַסן. זיי האָבן גשיקט מתּנות איינער צום צווייטן און האָבן געמאַכט אַ פריילעכן יום־טוב פּורים.

און דער יום־טוב פּורים ווערט געפייערט ביי יידן ביזן היינ־טיקן טאָג.

הײנט איז פּורים

הײנט איז פּורים, ברידער,
עס איז דער יום־טוב גרויס,
לאָמיר זינגען לידער
און גיין פון הויז צו הויז.

לאַך, יידעלע, לאַך,
אַ יום־טוב מאַך!
קינדס־קינדער געדענקען דעם נס,
זינגט, קינדערלעך, זינגט!
טאַנצט פריילעך און שפּרינגט!
דעם טייערן טאָג ניט פאַרגעסט.



פרילינג



פ ר י ל י נ ג

פרילינג קומט אויף אַלע וועגן,
לויפט דעם ליבן גאַסט אַנטקעגן!
לויפט צום וואַלד, לויפט צום פעלד —
אומעטום אַ פרייע וועלט!
קלינגט און זינגט, שפרינגט און ברומט!
פרילינג קומט, פרילינג קומט!

פרילינג אין שטאָט

דער הימל ריין, דער הימל בלוי,
עס שימערט און עס שיינט;
און פרעמדע מענטשן גריסן זיך
אַזוי ווי גוטע פריינד.

די גאַס איז פול מיט קינדערלעך,
מע טאַנצט ביי יעדער הויז;
און פון אַ פענצטער שמייכלענדיק
אַ מאַמע קוקט אַרויס.

ס'איז שיינענדיק, און לעבעדיק,
און טומלדיק אַרום;
אין מיטן גאַס צוויי פייגעלעך,
צוויי קליינע טאַנצן אום.

— טשיר־טשיר, טשיר־טשיר, מיין טייערע,
ס'איז פרילינג, וואָס זאָגסטו?
— געוויס, מיין ליבער, — צווישטשערט אויך
זיין חברטע אים צו.

און ביידע אויף דער מיטן גאַס
צופרידן טאַנצן אום.
ס'איז לעבעדיק און טומלדיק
און שיינענדיק אַרום.

קידער־ווידער

אַ מעשה מיט צוויי ברידער

א.

אַמאָל זיינען געווען צוויי ברידער. איינעם האָט מען גערופן ק י ד ע ר און דעם אַנדערן — ו ו י ד ע ר.

און זיי האָבן טאַקע געלעבט קידער־ווידער. האָט איינער געזאָגט טאָג, האָט דער צווייטער געזאָגט נאַכט; האָט איינער געוויינט, האָט דער צווייטער געלאַכט; האָט איינער געזאָגט זומער, האָט דער צווייטער געזאָגט ווינטער.

* * *

איין מאָל האָבן די ברידער געדאַרפט ערגעץ וואו פאָרן. זאָגט איינער:

— לאָמיר פאָרן מיט דער באַן.

מאַכט און לאַכט דער צווייטער:

— אַ נייער פּלאַן, גאָר פאָרן מיט דער באַן!

— לאַכט קידער:

— טאָ ווי זשע ווילסטו פאָרן?

מאַכט ווידער:

— איך מיין מיט אַ פערד און וואָגן.

מאַכט קידער:

— אַ פערד און וואָגן טויג אויף קלאָגן.

זאָגט ווידער:

— און מיט דיין באָן, ניי איך מיט דיר אין געוועט, וועלן מיר נאָך פאַרפאָרן העט־העט!

אַזוי האָט מען זיך געקריגט און געקלינגט, ביז מע איז גאָרניט געפאָרן.

ב.

אַ צווייט מאָל האָבן די ברידער געדאַרפט גיין כאַפּן פיש. זאָגט קידער, אַז מע דאַרף כאַפּן מיט אַ ווענטקע, און ווידער זאָגט: — ניין, מיט אַ נעץ!

מאַכט קידער:

— וואָס עפּעס מיט אַ נעץ?

— לאַכט ווידער:

— וואָס עפּעס מיט אַ ווענטקע?

זאָגט קידער:

— מיט אַ ווענטקע איז בעסער.

זאָגט ווידער:

— און אַ נעץ איז גרעסער!

מאַכט קידער:

— ניין, ווידער! אָט ווייל דו ווילסט מיט אַ נעץ, וויל איך מיט אַ ווענטקע!

זאָגט ווידער:

— ניין, קידער! אָט ווייל דו ווילסט מיט אַ ווענטקע, וויל איך מיט אַ נעץ!

האָט מען זיך אַזוי אָפּגעקריגט און אָפּגעקידערט און אָפּגעווידערט, ביז מען איז גאָרניט געגאַנגען כאַפּן קיין פיש.

ג.

דאָס אַלטע הויז, וואו די צוויי ברידער, קידער און ווי־דער, האָבן געוואוינט, האָט שוין געהאַלטן ביים איינפאַלן און מען האָט געדאַרפט בויען אַ ניי הויז.

מאַכט קידער:

— מע דאַרף בויען פון האָלץ.

מאַכט ווידער:

— ניין, פון ציגל.

מאַכט קידער:

— פון ציגל איז דאָך טייער.

— לאַכט ווידער:

— און פון האָלץ טויג אויפן פייער!

האָבן זיי זיך אַזוי אָפּגעקידערט און אָפּגעווידערט און גאָרניט געבויט קיין הויז.

זיינען זיי געזעסן אין דעם אַלטן הויז.

און זיי זיינען געזעסן, ביז דאָס הויז איז איינגעפאַלן.

וואָס זאָלן זיי איצטער טאָן? זיי קאָנען דאָך אין דרויסן ניט זיצן! זיינען זיי אַוועק וואוינען ביי פרעמדע. און אויך דאָרטן זיינען זיי געווען קידער־ווידער.

אָבער די פרעמדע מענטשן האָבן ניט געקאָנט פאַר־טראָגן דעם קידער־ווידער פון די צוויי ברידער. האָבן די פרעמדע מענטשן צו זיי געזאָגט:

— ליבע ברידער, אויב איר ווילט לעבן קידער־ווידער, קלייבט זיך אַרויס און בויט זיך אויס אַליין אַ הויז.

זיינען אַוועק די צוויי ברידער, קידער און ווידער, בויען פאַר זיך אַ הויז. אָבער דאָ האָט זיך ווידער אָנגעהויבן די אייגענע מעשה: קידער האָט געוואָלט בויען דאָס הויז פון האָלץ און ווידער — פון ציגל. איז אַוועק אַ קידער־ווידער צווישן די צוויי ברידער, און דערווייל האָט מען ניט געבויט דאָס הויז, און די מעשה איז ניט אויס.

און אָט אַזוי גייט די מעשה מיט די צוויי ברידער, וואָס איינעם האָט מען גערופן קידער און דעם אַנדערן — ווידער.

חכם

וואָס באַטייט:

טויג אויף קלאָגן — טויג אויפן פייער —

פּאַרפּאָרן העט־העט — אייגענע מעשה —

חכם מיינער —

שפּריכווערטער

אויפגאַבע. שרייב איבער און שטרייך אונטער די קאָנטראַסטן.

אַ גוטן העלפט אַ וואָרט, אַ שלעכטן העלפט אַ שטעקן אויך ניט.

צוליב איין שלעכטן ליידן פיל גוטע.

בעסער מיט אַ קלוגן צו פאַרלירן, איידער מיט אַ נאַר צו געווינען.

ריידן איז זילבער, שווייגן איז גאָלד.

קאָנטראַסטן

רייך — אָרעם

ריידן — שווייגן

געפינט די קאָנטראַסטן צו:

1. געזונט ______
2. גרויס ______
3. קרום ______
4. ריין ______
5. שפּעט ______
6. צופרידן ______
7. הויך ______
8. פריער ______
9. גיך ______
10. אַלט ______
11. אומעטיק ______
12. טרוקן ______
13. גוט ______
14. שיין ______
15. קיין מאָל ניט ______
16. שולדיק ______
17. סוף ______
18. לאַנג ______

שטעלט צו די קאָנטראַסטן:

1. צוקער איז זיס, פעפער איז ——————
2. דער זיידע איז אַלט, די אייניקלעך זיינען ——————
3. זומער איז הייס, ווינטער איז ——————
4. בערל האָט אָפּגעוואַשן זיינע הענט, זיינען זיי ריין, מאָטלס הענט זיינען ——————
5. ביינאַג איז ליכטיק, ביינאַכט איז ——————
6. די שול געפינט זיך נאָענט פון אונדזער הויז, אָבער די ביבליאָטעק איז ווייער ——————
7. די באָבע גייט פּאַמעלעך, איך גיי ——————
8. פיש איז היינטיקע וואָך ביליק, אָבער פלייש איז ——————
9. איך קען ווייער לייכט דערקענען ווען מיין טאַטע איז פריילעך און ווען ער איז ——————

אויפגאַבע. שרייב איבער ביי זיך אין העפט און שטעל אריין די פּאַסיקע קאָנטראַסטן.

אַלץ פאַרקערט.

איך האָב צוויי חברים. איינער הייסט בערל און דער אַנדערער הייסט מאָטל. בערל איז אַ הויכער, אַ דאַרער. מאָטל, פאַרקערט, איז אַ ——————. בערל רעדט שטיל, קוים וואָס מע הערט אים, מאָטל רעדט ——————, שרייט, אַז מע קען טויב ווערן. בערל גייט לאַנגזאַם, ניט געאיילט, קומט אין שול שפּעטער פון אַלעמען, מאָטל, ווידער, נאָר ער איילט זיך, לויפט, קומט ער אין שול —————— פון אַלעמען. ווי קען מען אויסהאַלטן פון אַזעלכע צוויי חברים, אַז קיין מאָל קענען זיי צווישן זיך ניט אויסקומען? זאָגט איינער טאָג, זאָגט דער אַנדערער ——————. זאָגט איינער זומער, זאָגט דער אַנדערער ——————. און דאָך לעבן זיי גוט צווישן זיך און זיינען אמתע איבערגעגעבענע פריינד.

פסח

אליהו הנביאס כוס



אליהוס כוס דער שיינער
שטייט שוין פול מיט וויין;
באַלד וועט אליהו קומען,
באַלד וועט ער אַריין!...

ווייל צום סדר קומט ער בענטשן
יעדן יידנס הויז;
און פאַר אים דעם כוס דעם שענסטן
קלייבט מען שטענדיק אויס.

ער איז שוין ביי אונדז צום סדר
וויפל מאָל געוועז...
אָבער איך וויים, אַז אליהון
קאָן ניט קיינער זען.

עפנט מען פאַר אים די טירן
און איך קוק זיך איין —
אפשר וועל איך פאָרט דערזען אים
ווען ער וועט אַריין.

אליהו הנביא	פסח	כוס	סדר

דער אָרעמאַן און דער פרעמדער

אַמאָל איז געווען אַ גוטער און ערלעכער ייד. אָבער ער איז געווען זייער אָרעם. מענטשן האָבן אים געוואָלט העלפן. אָבער ער האָט געזאָגט:

— „איך וויל אַרבעטן, איך וויל ניט אומזיסט קיין געלט!"

איין מאָל, פאַר פסח, האָט ער ניט געהאַט וואָס יידן דאַרפן אויף פסח: מצות, פיש, פלייש, ווין, קליידער. זיין ווייב און קינדער זיינען געזעסן אין שטוב און האָבן ביטער געוויינט.

איז דער אָרעמער ייד אַרויסגעגאַנגען אין גאַס. ער האָט געוואָלט געפינען אַרבעט. האָט ער באַגעגנט אַן אַלטן יידן, אַ הויכן מאַן מיט אַ לאַנגער, ווייסער באָרד. דער אַלטער האָט געזאָגט צו דעם יידן:

— „הער, מיין פריינד, איך בין דאָ אַ פרעמדער. לאָז מיך עסן פסח ביי דיין טיש".

האָט דער ייד געענטפערט:

— „איך האָב אַליין ניט וואָס צו עסן!"

האָט דער אַלטער אים געגעבן געלט און ער האָט געזאָגט:

— „נאַ דיר גענוג געלט און דו וועסט קענען קויפן אַלץ אויף פסח. נאָך פסח וועסטו מיר דאָס געלט אָפּגעבן".

דער אָרעמער ייד איז געלאָפן אַהיים. ער האָט געגעבן זיין ווייב דאָס געלט און ער האָט איר אַלץ דערציילט. די פרוי איז געלאָפן אין קראָם. זי האָט איינגעקויפט אויף פסח: מצות, פיש, פלייש, ווין און קליידער, און עס איז נאָך געבליבן געלט. האָבן זיי געהאַט אַ פריילעכן פסח צוזאַמען מיט דעם אַלטן יידן.

מצה	מצות	פסח

משה

משה ווערט געבאָרן

א

יוסף און אַלע זיינע ברידער זיינען געשטאָרבן. און די קינדער פון ישראל זיינען געוואָרן אַלץ מערער און זיי זיינען געוואָרן שטאַרק און דאָס גאַנצע לאַנד מצרים איז פול געוואָרן מיט זיי.

און יעמאָלט איז אויפגעשטאַנען אַ נייער פרעה איבער מצרים, וואָס האָט ניט געקענט יוספן.

און דער נייער פרעה האָט געזאָגט צו זיין פאָלק:

„זעט, דאָס פאָלק פון די קינדער פון ישראל ווערט אַלץ מערער און שטאַרקער פון אונדז".

און ער האָט געמאַכט אַרבעטן די קינדער פון ישראל און פאַרביטערט זייער לעבן מיט שווערער אַרבעט ביי ליים און ביי ציגל און ביי אַלערליי אַרבעט אין פעלד.

און די קינדער פון ישראל זיינען געוואָרן אַלץ מערער און שטאַרקער.

האָט פרעה, דער קיניג פון מצרים, געהייסן:

„יעדער זון וואָס וועט געבאָרן ווערן ביי די קינדער פון ישראל זאָל מען אים אין טייך אַריינוואַרפן און יעדע טאָכטער זאָל מען לאָזן לעבן".

ב

אַז משה איז געבאָרן געוואָרן האָט די מוטער געזען אַז ער איז זייער שיין און זי האָט אים געהאַלטן דריי חדשים און זי האָט אים מער ניט געקענט באַהאַלטן.

האָט זי פאַר אים גענומען אַ קעסטל און האָט עס אויסגעקלעפּט מיט ליים און פעך; און זי האָט דאָס קינד אין דעם אַריינגעלייגט און אַראָפּגעלאָזט דאָס קעסטל ביים ברעג טייך. און משהס שוועסטער, מרים, האָט זיך געשטעלט פון דער ווייטן צו וויסן וואָס מיט אים וועט זיין.

די טאָכטער פון פרעהן איז יעמאָלט אַראָפּגעגאַנגען צום טייך זיך באָדן. האָט זי דערזען דאָס קעסטל ביים ברעג און זי האָט געשיקט איר דינסט צו ברענגען עס צו איר.

און זי האָט עס געעפנט און זי האָט דערזען דאָס קינד — אַ ייִנגל וואָס וויינט! האָט זי רחמנות געקראָגן אויף אים און האָט געזאָגט:

„אָט דער איז פון די קינדער פון ישראל!"

האָט משהס שוועסטער געזאָגט צו פרעהס טאָכטער:

„זאָל איך גיין רופן אַ ייִדישע פרוי, אַז זי זאָל דיר דאָס קינד אָנזייגן?"

האָט פרעהס טאָכטער צו איר געזאָגט:

„גיי!"

איז די מיידל געגאַנגען און האָט גערופן די מוטער פון דעם קינד. און פרעהס טאָכטער האָט צו איר געזאָגט:

„נעם דאָס קינד און זייג עס פאַר מיר, און איך וועל דיר דערפאַר באַצאָלן".

האָט די פרוי גענומען דאָס קינד און האָט עס געזייגט.

און אַז דאָס קינד איז גרעסער געוואָרן, האָט זי אים געבראַכט צו פרעהס טאָכטער, און ער איז געוואָרן אַזוי ווי איר זון. און זי האָט גערופן זיין נאָמען משה און האָט געזאָגט:

„ווייל פון וואַסער האָב איך אים אַרויסגעצויגן".

משה העלפט די יידן

משה איז געוואַקסן אין קיניגס פּאַלאַץ. עס איז אים געווען זייער גוט. דעם קיניגס טאָכטער האָט אים זייער ליב געהאַט, און האָט אים געהאַלטן ווי אַ פּרינץ. אָבער אַז משה איז געוואָרן גרעסער, האָט ער געהערט, אַז ער איז אַ ייד.

האָט ער געזאָגט:

„איך וויל ניט קיין רייכקייט, איך דאַרף ניט קיין פּאַ־לאַץ. איך וויל העלפן מיינע ברידער, וואָס זיינען דאָ קנעכט".

איז ער אַוועק אין פעלד צו זען זיינע ברידער און זיי העלפן. האָט ער געזען ווי די יידן קנעטן ליים, ווי זיי מאַכן ציגל און ווי די מיצרים שלאָגן זיי און שלאָגן.

האָט משהן וויי געטאָן דאָס האַרץ און ער האָט גע־וויינט פון צער. איז ער צוגעלאָפן צו איין יידן, און האָט אים געהאָלפן קנעטן ליים.

ער איז צוגעלאָפן צו אַ צווייטן יידן, און האָט אים גע־האָלפן מאַכן ציגל.

אַ דריטן האָט ער געהאָלפן טראָגן די ציגל.

און ער האָט גערעדט צו די יידן גוטע רייד. ער האָט זיי געטרייסט, אַז זיי וועלן אין גיכן אויסגעלייזט ווערן פון מצרים און זיי וועלן אַרויס פון קנעכטשאַפט צו פרייהייט.

משה איז אָפט געקומען צו זיינע ברידער. ער האָט זיי געטרייסט און געהאָלפן, ביז ער האָט זיי שפּעטער אין גאַנצן אויסגעלייזט.

משה נעמט זיך אָן פאַר זיינע ברידער

איין מאָל האָט משה געזען ווי אַ מיצרי שלאָגט אַ יידן. האָט ער זיך אומגעקוקט אַהער און אַהין, און אַז ער האָט געזען, אַז קיין מענטש איז ניטאָ, האָט ער דערהרגעט דעם מיצרי און האָט אים באַהאַלטן אין זאַמד.

און ער איז אַרויסגעגאַנגען אויפן צווייטן טאָג — זעט ער צוויי יידן שלאָגן זיך! האָט ער געזאָגט צו דעם שולדיקן:

„פאַר וואָס שלאָגסטו דיין חבר!"

האָט יענער געזאָגט:

„ווער האָט דיך געמאַכט פאַר אַ ריכטער איבער אונדז? צי מיינסטו מיך צו דערהרגענען ווי דו האָסט דער־הרגעט דעם מיצרי?"

האָט משה מורא געקראָגן און ער האָט געזאָגט:

„אַזוי, מע ווייס וועגן דער זאַך!"

און אַז פּרעה האָט דערהערט די זאַך, האָט ער גע־וואָלט משהן דערהרגענען. איז משה אַנטלאָפן און זיך באַזעצט אין אַן אַנדער לאַנד.



יציאַת מצרים

(קרייזשפּיל)

מ ש ה: — אין וועג אַריין, אין וועג אַריין,
איר זענט שוין אַלע פריי!

י י ד ן — מיר וואַנדערן, מיר וואַנדערן,
פון לאַנד פון שקלאַפעריי.

מ ש ה: — וואָס אַרבעט איר פון טייגן אוים?
וואָס מאַכט איר דאָ דערפון?

י י ד ן: — מיר באַקן איצטער פלעצלעך
און מצות אויף דער זון!

מ ש ה: — ווער ווייזט די שווערע וועגן אייך
אין מדבר און אין ים?

י י ד ן: — ביי טאָג אַ גרויסער וואָלקנזייל
ביי נאַכט — אַ פייערפלאַם!

מ ש ה: — וואו פיר
איך אייך מיט
קינד און קייט?

וואו פיר איך
אייך אַצינד?

י י ד ן: — צו יענעם
לאַנד, דעם זו־
ניקן,

וואו מילך און
האָניק רינט!

די גאַנצע וועלט איז זײַנע

א

אַ ייִנגל, פּערנאַנדאָ, האָט זיך אַריינגעצויגן אין דער געגנט. האָט ער אַלע קינדער פאַרדרייט די קעפּ און זיי אָנגערעדט צו קלייבן פּאָסטמאַרקעס.

די ערשטע טעג האָבן די קינדער געלאַכט פון אים.

— „צו וואָס טויגן געניצטע מאַרקעס?"

פּערנאַנדאָ האָט גאָרנישט געענטפערט. ער איז אַריין אין שטוב און באַלד אַרויסגעקומען מיט אַ סך אַלבומען.

— „איר זעט די ביכלעך?" — האָט ער געזאָגט. — זיי זיינען ביי מיר טייערער פון אַלע אייערע שפּילעכלעך און מענטשעלעך."

דער ייִנגל האָט אָן עפן געטאָן אַן אַלבום און אַ מיש געטאָן די בלעטער און אַלע קינדער האָבן געקוקט מיט וואונדער.

— „אוי, ווי שיין!"

— „וויפל קאָלירן!"

פּערנאַנדאָ האָט אַ צופרידענער געמישט די בלעטער פון אַלבום.

— „דאָס זיינען מאַרקעס פון פּערו."

די קינדער האָבן באַטראַכט די מאַרקעס און זיך געוואונדערט.

— „אַזאַ קליין לאַנד און האָט אַזעלכע גרויסע פּאָסטמאַרקעס!"

— „און דאָס זיינען מאַרקעס פון ווענעזועלאַ."

— „פון וואַנען?" — האָט געפרעגט מאַריאַ.

— „פון ווענעזועלאַ."

— „וואָס איז דאָס, אַ שטאָט צי אַ לאַנד?"

— „אַ לאַנד."

— „קיין מאָל נישט געהערט פון אַזאַ לאַנד."

פּערנאַנדאָ האָט געלאַכט.

— „און פון גוואַטעמאַלאַ האָסטו געהערט?"

— „ניין."

— „און פון קאָלאָמביע? עקוואַדאָר?"

פערנאַנדאָ האָט לאַנג דערציילט וועגן פּאָסטמאַרקעס און דערציילט, אַז עס זיינען פאַראַן מאַרקעס, פאַר וועלכע מען צאָלט הונדערטער און אַפילו טויזנטער דאָלאַר, און עס זיינען פאַראַן געשעפטן וואָס קויפן און פאַרקויפן גע־נוצטע פּאָסטמאַרקעס. און פערנאַנדאָ האָט נאָך צוגעגעבן:

— „איך מיינט, אַז גענוצטע פּאָסטמאַרקעס קלייבן נאָר קינדער? פאַראַן אַ סך טאַטעס און זיידעס, וואָס קלייבן פּאָסטמאַרקעס."

ב

פון פערנאַנדאָס רייד האָבן זיך אַלע קינדער פון דער גאַס אַזוי צעפלאַמט, אַז זיי זיינען באַלד אַוועק אַהיים און גענומען זוכן אַלטע קאָנווערטן און אין אַ שעה אַרום איז די גאַס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ יאַריד פון פּאָסט־מאַרקעס.

— „איך האָב פּאָסטמאַרקעס פון אורוגוואַי!"

— „איך האָב פון באָליוויע!"

פערנאַנדאָ האָט באַטראַכט די אַלע מאַרקעס און גע־זאָגט:

— „אַזעלכע מאַרקעס האָט יעדערער, וויכטיק זיינען מאַרקעס פון אייראָפּע, פון אַפריקע, פון אַזיע."

די קינדער האָבן געדרייט מיט די קעפּ:

— „דאָס זיינען נישט אונדזערע לענדער."

— „דאָרטן האָבן מיר נישט קיינעם."

מאַריאַ האָט דערזען פון וויטן יאָסלען, אַ יידישן יינגל, וואָס האָט געוואוינט מיט איר אין איין הויז און עס איז איר באַלד איינגעפאַלן אַ געדאַנק.

ביי אים קען מען קריגן מאַרקעס פון אייראָפּע.

מאַריאַ האָט אים צוגערופן און געפרעגט:
— „יאָסל, דו קלייבסט פּאָסטמאַרקעס?"
— „ניין."
— „אַלע קינדער קלייבן פּאָסטמאַרקעס, זעסט?"
יאָסל האָט זיך אומגעקוקט און געזען פאַר זיך אַ גאַנצן יאַריד פון אַלטע גענוצטע מאַרקעס; מען האָט געקויפט און פאַרקויפט, געטוישט און געביטן.
יאָסל האָט זיך געוואונדערט.
— „אויך מיר אַ שפּיל! וואָס האָט מען דערפון?"
— „מען קלעפּט זיי אַריין אין אַן אַלבום." — האָט אים דערקלערט מאַריאַ. — „פרעג פערנאַנדאָן, ער ווייסט. אַלע קינדער שפּילן זיך מיט פּאָסטמאַרקעס."
— „זאָג מיר", — האָט מאַריאַ געפרעגט, — „איר קריגט בריוו פון אייראָפּע?"
— „אַ סך."
— „גיב מיר אַ פּאָר מאַרקעס פון אייראָפּע."
יאָסל האָט צוגעזאָגט, און גלייך אַריין אין שטוב ווי אַ ווינט. ער האָט געזוכט אין אַלע שופלאָדן און נישט געפונען קיין איין קאָנווערט.
— „אַ שאָד, אַ שאָד," — האָט ער געזאָגט.
די מאַמע האָט אים געטרייסט:
— „וועסט האָבן מאַרקעס, מיר קריגן אַ סך בריוו."
יאָסל איז אָבער געוואָרן אומגעדולדיק.
— „מאַמע, וועסט היינט קריגן אַ בריוו?"
— „נאַריש קינד, וואָס ווייס איך? אפשר יאָ, און אפשר נישט."
— „און מאָרגן?"
„אויב עס קומט מאָרגן אַריין אַ שיף, קען זיין, אַז איך וועל האָבן אַ בריוו."

ג

ביי נאַכט האָבן זיך יאָסלען געחלומט מאָדנע חלומות: אים האָט זיך געדוכט, אַז עס קומען אָן שיפן צו דער סאַמע

טיר פון זיין שטוב און ברענגען נישט קיין בריוו, נאָר בערג מיט קאָלירטע פּאָסטמאַרקעס פון אַלע לענדער. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט. איז ער גלייך אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט, זיך אַרומגעוואַשן און געגומען יאָגן די מאַמע, זי זאָל אים געבן גיך אָפּצועסן.

— „וואָס איז ?"

— „איך וויל אַרויסלויפן וואַרטן אויפן בריווטרעגער."

— „נאַרעלע, עס איז נאָך צו פרי. בריוו פון אייראָפּע ברענגט מען נאָך מיטאָג."

יאָסל איז געוואָרן אומגעדולדיק.

— „מאַמע", — האָט ער געפרעגט, — „פון וועמען קריגן מיר בריוו ?"

— „פון דיינע זיידעס, פון דיינע באָבעס, פעטערס, מומעס, קוזינען, פלימעניקעס."

— „אַזוי ! אין וואָסער לאַנד וואוינט דיין טאַטע, אין פּוילן ?"

— „יאָ."

— „און דעם טאַטנס טאַטע ?"

— „אין ליטע."

— „ווי גוט ! וועל איך האָבן פּאָסטמאַרקעס פון צוויי לענדער."

— „פאַר וואָס פון צוויי ? קענסט האָבן פּאָסטמאַרקעס פון מער לענדער, דו האָסט פעטערס אין ארץ־ישראל."

— „אַזוי !"

— „און אין רוסלאַנד אויך."

— „טאַקע !"

— „און אין נאָרד־אַמעריקע, אין קאַנאַדע, אין קובאַ, אין מעקסיקע האָסטו אויך קרובים."

— „און אַלע שרייבן אונדז בריוו ?"

— „יאָ, זונעלע."

— „ווי גוט ! איך וועל האָבן פּאָסטמאַרקעס מער פאַר אַלע", — האָט זיך יאָסל געפרייט.

ד

אַ גאַנצן טאָג איז יאָסל געזעסן און געוואַרט אויפֿן בריוטרעגער און ווען ער איז געקומען, זיינען אַלע קינדער פֿון דער גאַס אים געלאָפֿן אַנטקעגן.

— „אַ בריוו פֿאַר אונדז?"

דער בריוטרעגער האָט געשמייכלט.

— „געדולד, קינדערלעך, מען שרייבט שוין, און ווער עס וועט זיך אויפֿפֿירן גוט, דער וועט קריגן בריוו."

יאָסל, ווייזט אויס, האָט זיך אויפֿגעפֿירט בעסער ווי אַלע, ווייל צו אים האָט דער בריוטרעגער אַריינגעבראַכט אַ פּאַק בריוו.

די מאַמע האָט באַלד געמוזט אויפֿעפֿענען אַלע בריוו און געבן יאָסלען די ליידיקע קאָנווערטן.

יאָסל איז באַלד אַרויסגעלאָפֿן מיט אַ שמחה אין גאַס צו זיינע חברים און זיי געוויזן:

— „איר זעט!"

פֿערנאַנדאָ האָט ווי אַ קענער באַקוקט די פּאָסטמאַר־קעס און געזאָגט:

— „די איז פֿון רוסלאַנד, די איז פֿון פּוילן און די פֿון ליטע."

— „און די?" — האָט יאָסל געפֿרעגט.

דער ייִנגל האָט לאַנג געקוקט אויף דער פּאָסטמאַרקע און נישט געוואוסט וואָס צו ענטפֿערן.

— „אַזאַ פּאָסטמאַרקע," — האָט ער געזאָגט אַ ביסל פֿאַרשעמט, — „האָב איך נאָך נישט געזען. פֿון וואַנען קען זי זיין?"

יאָסל איז אַריינגעלאָפֿן אין שטוב און באַלד אַרויסגע־קומען מיט אַ שמחה.

„די פּאָסטמאַרקע איז פֿון ארץ־ישׂראל."

— „אַזוי!" — האָט דער ייִנגל געזאָגט. — „פֿון דעם לאַנד האָב איך נישט קיין איין פּאָסטמאַרקע. פֿאַרקויף זי מיר."

יאָסל האָט נישט געוואָלט.

— „אַז איך וועל האָבן נאָך איינע", — האָט ער געזאָגט, — „וועל איך זי דיר געבן".

ה

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָבן אַלע קינדער פון דער גאַס שוין געהאַט אַלבומען מיט פּאָסטמאַרקעס, אָבער אַזעלכע פּאָסטמאַרקעס ווי יאָסל האָט קיינער נישט געהאַט און אַלע האָבן אים מקנא געווען.

— „ער האָט פּאָסטמאַרקעס פון אַ האַלבער וועלט, — האָבן זיי געזאָגט.

יאָסל האָט אָנגעקוואָלן.

— „וואַרט, איך וועל נאָך האָבן מער. איך האָב פּעטערס אומעטום."

— „נאָר אין פּוילן און אין רוסלאַנד האָסטו פּעטערס", — האָט אים אַ ייִנגעלע געזאָגט, — „נישט מער."

— „אַזוי! און אין ארץ־ישראל האָב איך אויך אַ פּעטער!"

— „שוין. וואו נאָך?"

— „און אין ליטע אויך."

— „איז פיר לענדער."

— „און אין קאַנאַדע אויך."

— „איז פינף."

— „און אין קובאַ, און אין מעקסיקע, און אין שאַנכאַי".

— „וואו?" — האָבן די קינדער געפרעגט.

— „אין שאַנכאַי."

— „וואו איז דאָס?"

— „אין כינע."

— „אַזוי! אין כינע האָסטו אויך פּעטערס?"

— „יאָ!"

— „זע נאָר, זע, אומעטום האָט ער פּעטערס."

די קינדער האָבן זיך איבערגעקוקט:

— „די גאַנצע וועלט איז זיינע!"

26. פרעגן (?), דערציילן (.), אויסרופן (!)

טשינג־טשאַנג־טשו

(צו זינגען)

טשינג־טשאַנג־טשו,
ווער ווייסט, וואו
זיינען די כינעזועלעך
מיט די קורצע נעזועלעך ?
טשינג־טשאַנג־טשו,
ווער ווייסט, וואו
ייִנגלעך טראָגן קליידעלעך,
הויזן טראָגן מיידעלעך ?
טשינג־טשאַנג־טשו,
ווער ווייסט, וואו
אויף געגאָלטע קעפּעלעך,
באָמבלען לאַנגע צעפּעלעך?
טשינג־טשאַנג־טשו,
ווער ווייסט, וואו
שיינע מאַנדל־אייגעלעך
קוקן זיך ווי פייגעלעך ?
טשינג־טשאַנג־טשו,
ווער ווייסט, וואו ?

רעטעניש

1. ווער האָט אַ קאָם און קען מיט אים ניט קעמען?

2. אַלעמען באַניט עס, אַלעמען באַקליידט עס און אַליין גייט עס נאַקעט?

3. ווייס ווי שניי, גלאַטיק ווי אַן איי, אַז מע קוקט אויף דעם איז עס שטענדיק צוויי?

4. ניט קיין קלייד און געניייט, ניט קיין בוים און פול מיט בלעטער?

5. אַ לעבעדיקער שלאָגט אַ טויטן, דער טויטער שרייט און סע הערט זיך ווייט.

(בוך, אַ גלאָק, נאָדל, האָן, שפּיגל.)

פרעגן און דערציילן

אויפגאַבע: פאַרענדיקט אַזוי עס זאָלן זיך באַקומען גאַנצע זאַצן. שטעלט וואו מען דאַרף אַ פּינטל (.), אַ פרעגצייכן (?) אָדער אַן אויסרוף-צייכן (!).

1. מאָרגן וועל איך ______________

2. איך רוף דיך און רוף דיך און דו ______

3. ווען הייבט זיך ______________

4. ווער איז דער הויכער ______________

5. איך וועל שוין מער ______________

6. איך שרייב שוין זייער ______________

7. מיין מוטער וועט ______________

8. וואו קען מען ______________

9. איר האָט אַזאַ שיינע מעשה נאָך קיין מאָל ניט

10. שוין זאָלסטו מיר ______

11. מיין ברודער וועט ניט ______

12. ווער זשע האָט ______

13. נו, איז וואָס זשע ווילסטו זאָל ______

14. ווער עס וועט ענדיקן שרייבן, יענער ______

15. שאַ, שטיל זאָלט איר ______

16. אין גאָרטן וואַקסן ______

17. ס'איז אַרויסגעפאַלן ______

18. שוין צוויי טעג ווי עס ______

19. קום היינט צו ______

20. גוואַלד, ראַטעוועט, עס ______

אויפגאַבע: שרייבט איבער די זאַצן און שטעלט אַוועק די אָפּשטעל־צייכנס: דאָס פּינטל, דעם פראַגצייכן, דעם אויסרוף־צייכן.

פאַר וואָס שטייסטו ניט אויף

קום אַהער

וויפל איז איצט דער זייגער

היינט זיינען מיר געגאַנגען שפּאַצירן אין וואַלד

שטיי שוין אויף

די קינדער זיינען אַרויס פון שול

סאַראַ פּראַסט

ווער קען דורכלייענען אויף גיך?

אַ פראַגע.

דער פעטער פייטל מיט דעם פייפל פירט אַ פולע פור מיט שאַרפן פעפער, אַ פולע פור מיט שאַרפן פעפער פירט דער פעטער פייטל מיט דעם פייפל. אויב דער פעטער פייטל מיט דעם פייפל פירט אַ פולע פור מיט שאַרפן פעפער, וואו איז די פולע פור מיט שאַרפן פעפער, וואָס דער פעטער פייטל מיט דעם פייפל פירט?

דער ערשטער מאַי

היינט איז לויטער — זון און הימל
און די ערד איז גרין און שיין, —
אויפֿן גרויסן אַרבעט־יום־טוב
פֿריילעך, קינדער, לאָמיר גיין.
הויך די רויטע פֿאָן געהאַלטן,
שטאָלץ געגאַנגען — איינס, צוויי, דריי,
אומעטום זאָל זינגען, קלינגען:
לעבן זאָל דער ערשטער מאַי!

אַן איינפֿאַל

עטלס טאַטע איז געקומען אַהיים און האָט דערציילט, אַז דעם ערשטן מאַי וועלן אַלע אַרבעטער גיין איבער די גאַסן מיט לידער, מוזיק און פֿאָנען.

האָט עטל אויך געוואָלט גיין מיטן טאַטן.

— נעם מיך מיט, טאַטע — האָט עטל געבעטן.

— גוט, — האָט צוגעזאָגט דער טאַטע.

עטל לייגט זיך שלאָפן. זי האָט אָבער מורא, טאָמער פאַרשלאָפט זי, און דער טאַטע וועט פאַרגעסן זי נעמען אויף דעם פּאַראַד פון ערשטן מאַי.

דער טאַטע שלאָפט שוין לאַנג און עטעלע ליגט, טראַכט און האָט מורא איינצושלאָפן.

מיט אַ מאָל שפּרינגט זי אַראָפּ פון בעט; זי זוכט אויף אַ לאַנג שטריקל און בינדט עס צו מיט איין עק צום טאַטנס שוך און מיט דעם צווייטן עק צו איר האַנט. אַז דער טאַטע וועט מאָרגן נעמען דעם שוך, וועט ער אַ ציִ טאָן דאָס שטריקל, וועט זי גלייך זיך אויפכאַפּן.

אין דער פרי, ווען דער טאַטע איז אויפגעשטאַנען, האָט ער געוואָלט אָנטאָן די שיך. ער האָט דערזען אַרום אַ שוך אַ שטריקל. ער האָט אַ שטאַרקן ציִ געטאָן פאַרן שטריקל. עטל האָט אַ געשריי געטאָן און זיך אויפגעכאַפּט.

— איך האָב מורא געהאַט, אַז דו וועסט פאַרגעסן מיך אויפצוּוועקן, — האָט עטל געזאָגט מיט אַ פריילעכן געלעכטער, — האָב איך צוגעבונדן דאָס שטריקל.

זי האָט זיך אויף גיך אָנגעטאָן, אָפּגעגעסן און אַוועק מיטן טאַטן אין גאַס.

אויפן פּאַראַד פון ערשטן מאַי איז עטל געגאַנגען לעבן טאַטן. אירע אייגעלעך האָבן געגלאַנצט. זי האָט זיך פריילעך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און אַלע האָבן געקוקט אויף דעם קליינעם מיידעלע ווי זי גייט אין די רייען אַזוי ווי אַ גרויסע.

באַטראַכט אין קלאַס:

ווי אַזוי וועט איר דורכפירן דעם יום־טוב פון ערשטן מאַי הייַנטיקס יאָר?

ווי אַזוי וועט איר באַצירן אייער קלאַס? וואָסערע לידער וועט איר זיך אויסלערנען צו דעקלאַמירן און זינגען אויף דעם יום־טוב?

גרייט צו ביי זיך אין קלאַס „אַ ווינקל פון ערשטן מאַי“. קלייבט צונויף אַלע וואָס איר קאָנט נאָר: בילדער, צייכענונגען, באַשרייבונגען אאַז״וו.

שבועות

פסח אַוועק,
שבועות געקומען.
וואַרעמע טעג,
גרעזעלעך, בלומען.

ס'רוישן אין וואַלד
ביימעלעך גרינע,
זאָגן אַ סוד
פון דעם באַרג סיני.

כ'זע אין דער הייך
פייגעלעך שיינע,
לויבן זיי אויך
משה רבנו.

נאָר אויף צוויי טעג
שבועות געקומען;
גייט ער אַוועק —
בלייבן אונדז בלומען.

די מעשה פון רות

אַמאָל, אַמאָל, ווען די יידן האָבן געלעבט אין ארץ-ישראל, איז געוואָרן אַ הונגער אין לאַנד. עס איז אַ לאַנגע צייט ניט געגאַנגען קיין רעגן און ס'איז ניט געווען וואָס צו עסן.

האָט אלימלך מיט זיין ווייב נעמי און זיינע צוויי זין פאַרלאָזן דאָס יידישע לאַנד און איז אַוועק אין דעם לאַנד מואָב.

געהאָפט האָט אלימלך צו בלייבן אין מואָב נאָר אַ קורצע צייט, ביז

דער הונגער וועט אריבערגיין. אבער, ער איז אין מואב קראנק געווארן און געשטארבן. איז נעמי געבליבן אליין מיט אירע צוויי זין.

ווען די זין זיינען אויסגעוואקסן האבן זיי זיך גענומען ווייבער פון מואבס טעכטער. זיי האבן אלע געלעבט גליקלעך צוזאמען און אין דעם אייגענעם לאנד גאר פארגעסן.

ניט לאנג אבער האט געדויערט דאס גליק. אויך נעמים זין זיינען קראנק געווארן און געשטארבן. איז נעמי געבליבן אליין מיט אירע צוויי שניר.

א צייט האבן אלע דריי באוויינט די געשטארבענע, געבענקט און געטרויערט נאך זיי. אין איר גרויסן טרויער און אומעט, האט זיך נעמי דערמאנט אין איר היים, אין דעם יידישן לאנד.

האט זי געזאגט צו אירע שניר: א גרויס אומגליק האט אונדז אלע געטראפן. מיינע זין און אייערע מענער האט גאט פון דער וועלט צוגענומען. טא וואס וועלן מיר דא זיצן אליין? קערט זיך אום, מיינע טעכטער, צו אייערע עלטערן, און איך וועל זיך אומקערן אין מיין לאנד.

האבן די פרויען ביטער געוויינט אויף זייער גרויס אומגליק און אויף דעם, וואס זיי דארפן זיך שיידן מיט נעמין.

זיי האָבן זיך אַלע גוט אויסגעוויינט, גענומען זייערע פּעקלעך און פאַרלאָזן זייער הויז.

ווען זיי זיינען צוגעקומען צו דעם וועג, וואָס פירט פון מואָב קיין ארץ-ישראל, האָט נעמי געזאָגט צו אירע שניר: איצט, מיינע טעכטער, לאָמיר זיך געזעגענען, איר וועט גיין אייער וועג און איך מיינעם.

נעמי האָט זיך צעקושט מיט איר עלטערער שנור, זי געבענטשט און זי אַוועקגעשיקט. ווען זי האָט זיך גענומען געזעגענען מיט דער יינגערער שנור, רות, האָט זיך רות צעוויינט און פון איר ניט געוואָלט אַוועקגיין.

— ניין, — האָט זי געזאָגט, — איך קאָן דיך ניט פאַרלאָזן, איך וועל גיין מיט דיר אין דיין לאַנד.

האָט איר נעמי געזאָגט:

— ווייסטו, אַז דאָס יידישע לאַנד איז אַנדערש פון דיין לאַנד? און אַז יידן דינען גאָט אַנדערש ווי אין דיין לאַנד?

האָט איר רות געענטפערט:

— דיין פאָלק איז מיין פאָלק; און דיין גאָט איז מיין גאָט; און וואו דו וועסט גיין וועל איך גיין.

ווען נעמי האָט געהערט די רייד פון רות איז זי איר געפאַלן אויפן האַלדז און זי געקושט. און זיי זיינען ביידע אַוועקגעגאַנגען אין יידישן לאַנד אַריין.

⁂

זיי זיינען אָנגעקומען אין דער צייט ווען מע שניידט די תבואה פון די פעלדער. די אַמאָליקע רייכע נעמי האָט אָבער איצט קיין אייגן פעלד ניט געהאַט און זי האָט זיך געפילט אָרעם און עלנט.

ביי יידן איז געווען איינגעפירט, אַז מען האָט ניט געטאָרט אויפ-הייבן די זאַנגען, וואָס זיינען אַרונטערגעפאַלן ביים שניידן. דאָס איז געבליבן פאַר די, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין אייגענע פעלדער. יענע אָרעמע מענטשן פלעגן אַרויסגיין אין די פעלדער און אויפקלייבן אָט די זאַנגען און דאָס איז געווען זייער שניט.

איז רות אַרויסגעגאַנגען צוזאַמען מיט אַלע אָרעמע מענטשן קלייבן זאַנגען. האָט זי אָנגעטראָפן אויף אַ פעלד פון אַ רייכן יידן. געהייסן האָט ער בועז און ער איז געווען נעמיס אַ קרוב. אַלע טאָג איז רות געגאַנגען קלייבן זאַנגען אויף די פעלדער פון בועז.

איין מאָל איז בועז געקומען אויף זיין פעלד און ווען ער האָט דערזען רותן איז אים געפעלן געוואָרן איר שיינקייט און איידלקייט. ער האָט געשיקט איינעם פון זיינע דינערס זי רופן און ער האָט זי געפרעגט ווער זי איז. און רות האָט אים אַלץ דערציילט.

ווען בועז האָט זיך דערוואוסט, אַז זי איז די שנור פון זיין קרובה נעמי, האָט ער אָנגעזאָגט די אַרבעטער זיי זאָלן זיך גוט באַנעמען מיט איר און לאָזן אַ סך זאַנגען פאַר איר אויפצוקלייבן. ער האָט זיי אויך אָנגעזאָגט זיי זאָלן זי לאָזן עסן מיט זיי צוזאַמען.

איז רות געווען זייער צופרידן און אַז דער טאָג איז אַריבער האָט זי זיך אומגעקערט אַהיים צו איר שוויגער נעמי און איר דער־ציילט, וואָס מיט איר האָט געטראָפן.

פון יענעם טאָג אָן איז זי אויף קיין אַנדער פעלד ניט געגאַנגען קלייבן זאַנגען, ביז דער שניט האָט זיך געענדיקט. נאָך דעם האָט בועז גענו־מען רותן פאַר אַ ווייב און רות איז געבליבן אַ געטרייע יידישע פרוי. און פון איר קינד, וואָס זי האָט געבאָרן, איז אַרויסגעקומען דער גרויסער יידי־שער קיניג דוד המלך.

שבועות

אַז די יידן זיינען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים זיינען זיי אָנגעקומען אין אַ גרויסן מדבר. אין מדבר איז נישט געווען נישט קיין הויז, נישט קיין בוים, נישט קיין בלום, נישט קיין גראָז, נישט קיין טייך, גאָרנישט; נאָר זאַמד וואָס ברענט ווי פייער — פון אונטן, און די זון וואָס ברענט ווי פייער — פון אויבן. זיינען די יידן געגאַנגען אין דעם מדבר מיט זייערע פרויען און קינדער און מיט זייערע שאָף און רינדער, געגאַנגען און געגאַנגען ביז זיי זיינען צוגעקומען צו אַ הויכן באַרג, דעם באַרג סיני. האָבן זיי זיך געזעצט אַפּרוען אַנטקעגן דעם באַרג.

האָט גאָט גערופן משהן און אים געזאָגט:

— משה, איך האָב אין הימל אַ שיינע תורה און איך וויל זי שענקען די יידן.

איז משה רבנו אַרויף אויפן באַרג צו גאָט נעמען די תורה.

און שטיל איז געוואָרן אויף דער גאַנצער וועלט: קיין ווינטל האָט נישט געבלאָזן, קיין פויגל האָט נישט געצוויטשערט, קיין קו האָט נישט געמוקעט, קיין שעפּס האָט נישט געמעקעט, די מלאָכים פון הימל האָבן נישט געזונגען. די גאַנצע וועלט האָט געשוויגן. דעמאָלט האָט גאָט מיט אַ הויך קול גערעדט פון באַרג סיני. אַז די יידן האָבן דערהערט גאָטס קול האָבן זיי זיך זייער דערשראָקן. זיינען אַראָפּ פון הימל גוטע מלאָכים און האָבן געגלעט און געקושט די יידן און צו זיי געזאָגט: „האָט נישט קיין מורא, גאָט האָט אייך ליב". האָבן זיך די יידן צוגעהערט צום קול פון באַרג סיני וואָס האָט צו זיי געזאָגט אַזוי:

זעקס טעג אין דער וואָך דאַרף מען אַרבעטן און דעם זיבעטן טאָג — שבת, דאַרף מען רוען!

מ׳דאַרף ליב האָבן דעם טאַטן מיט דער מאַמען און אַלע מענטשן!

מ'טאָר נישט גנבענען!
מ'טאָר נישט שלאָגן!
מ'טאָר נישט צונעמען יענעמס אַ זאַך!
מ'טאָר נישט טאָן קיין שלעכטס!

האָט משה אויפגעשריבן די תורה אויף צוויי לוחות, איז אַראָפּ פון באַרג סיני און האָט זי געגעבן די יידן. האָבן זיך די יידן זייער געפרייט מיט דער תורה און האָבן געמאַכט אַ גרויסן יום־טוב, דעם יום־טוב שבועות.

חנהלעס שבתדיק קליידעלע

א

געווען אַמאָל אַ קליין מיידעלע — חנהלע. האָט איר די מאַמע אויפגענייט אַ נײַ שבתדיק קליידעלע, אַ שיינס, אַ ווייס.

איז געקומען ערב שבת, די זון האָט שוין אָנגעהויבן אונטערגיין. האָט חנהלע זיך אויסגעפּוצט אין נײַעם קליידעלע און האָט זיך זייער געפרייט; און חנהלעס מאַמע האָט זיך אויך געפרייט.

איז חנהלע אַרויסגעגאַנגען פֿון שטוב שפּאַצירן אַ ביסל, זיך שפּילן. דערזעט זי דאָס הינטעלע זוזי לויפֿט איר אַנטקעגן.

— זעסט מיין ניי שבתדיק קליידעלע וואָס די מאַמע האָט מיר אויפֿגענייט? — פֿרעגט חנהלע זוזין.

פֿרייט זיך זוזי, הייבט אויף די פֿאָדערשטע פֿיס און וויל אַרויפֿשפּרינגען אויף חנהלען. אָבער חנהלע לאָזט נישט:

— ניין, זוזי, איצט נישט! וועסט מיר איינשמוצן מיין קליידעלע.

ב

גייט חנהלע ווייטער. זעט זי דאָס קיעלע בוזי גייט צוריק פֿון פֿעלד וואו זי האָט זיך געפּאַשעט. לויפֿט איר חנהלע אַנטקעגן, טוט אַ גלעט דאָס קיעלע און זאָגט צו איר:

— דו זעסט, בוזי, מיין ניי שבתדיק קליידעלע וואָס די מאַמע האָט מיר אויפֿגענייט?

פֿרייט זיך בוזי, ציט אַרויס די צונג און וויל אַ לעק טאָן... אָבער חנהלע לאָזט נישט:

— ניין, בוזי, איצט נישט! מיין קליידעלע...

ג

אַזוי האָט חנהלע שפּאַצירט, געשפּילט זיך. אַז זי האָט שוין געוואָלט אַהיים גיין האָט זי דערזען פֿון וויטן אַ מענטשן אַרויסגיין פֿון וועלדל. דער מענטש איז געבליבן שטיין, האָט אַראָפּגענומען פֿון זיך אַ שווערן פּאַק און גע־זעצט זיך אָפּרוען אויף דער ערד.

גייט צו חנהלע און זעט אַז דער מענטש איז אַן אַלטער, זיין פּנים און זיינע ווייסע האָר זיינען באַדעקט מיט שוויס. ווייזט אויס אַז דער מענטש איז זייער מיד. און ער זאָגט:

— קום אַהער, מיידעלע...

גייט צו חנהלע, קוקט אים אָן און פרעגט:
— איר זייט מיד?
— יאָ — ענטפערט דער מענטש.
— וואָס טראָגט איר דאָ?
— קוילן — האָלץ־קוילן פון וואַלד.
— איר אַרבעט אין וואַלד?
— יאָ. און ווי רופט מען דיך, מיידעלע? — פרעגט דער מענטש.
— איך הייס חנהלע.
זי שווייגט אַ ווילע, דערנאָך זאָגט זי:
— איר קוקט אויף מיין קליידעלע? ס'איז אַ נייס, די מאַמע האָט עס מיר אויפגענייט.
— אַ שיין קליידעלע — זאָגט דער מענטש — טראָג עס געזונט!
— אַ דאַנק! — ענטפערט חנהלע.
און דער מענטש שטייט אויף, לייגט אַרויף דעם פּאַק אויף די פּלייצעס און זאָגט: מ'דאַרף זיך צואיילן, ס'איז באַלד שבת.
און ער גייט מיט שווערע טריט... חנהלע שטייט און קוקט אים נאָך. זי זעט זיין איינגעבויגענעם רוקן אונטער דעם שווערן זאַק מיט קוילן און זי טראַכט:
— ס'איז אים שווער צו טראָגן, איך וועל אים העלפן.
און זי גייט נאָך דעם מענטשן און זאָגט צו אים:
— איר ווילט? וועל איך אייך העלפן.
שמייכלט דער מענטש:
— העלפן זאָגסטו? גוט, מיידעלע, העלף מיר...
איז חנהלע נאָכגעגאַנגען דעם מענטשן, אונטערגעשפּאַרט איר אַקסל אונטער דעם זאַק, אויפגעהויבן און אונטערגעהאַלטן.
אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג, זאָגט דער מענטש:

— גענוג, האָסט שוין געהאָלפֿן. ביסט אַ גוט מיידעלע. איצט גיי אַהיים.

האָט זיך חנהלע אומגעקערט. זי איז געלאָפֿן גיך און פֿלינק ווי אַ הירשל און איז געווען זייער פֿריילעך.

נאָר פּלוצלונג — וויי! וואָס איז דאָס?... וואָס איז געשען דעם קליידעלע?... אַ שוואַרצער פֿלעק... און אָט איז נאָך איינער... און נאָך און נאָך. פֿאַרפֿלעקט דאָס קליידעלע פֿון דעם זאַק מיט קוילן... און חנהלע צעוויינט זיך: וויי, וויי, מיין שבתדיק קליידעלע... ערשט היינט אָנגעטאָן צום ערשטן מאָל... ווי וועל איך אַהיים קומען? ווי וועל איך קענען צוזען דער מאַמעס צער? וויי, וויי...

ד

ס'איז שוין אָוונט, פֿינצטער. און אין פֿעלד אויף אַ שטיין זיצט אַ קליין מיידעלע און וויינט.

האָט די לבנה פֿון הימל געקוקט אויף חנהלען און גע־פֿרעגט — געפֿרעגט אָן אַ קול, אָן ווערטער, נאָר חנהלע האָט געהערט:

— וואָס איז מיט דיר, מיידעלע? פֿאַר וואָס וויינסטו?

שווער איז געווען חנהלען צו רעדן... זי האָט נאָר אָנגעוויזן מיטן פֿינגער אויפֿן קליידעלע:

— זע, לבנה... דאָס איז פֿון זאַק... פֿון זאַק מיט קוילן.

קוקט אויף איר ווייטער די לבנה — און פֿרעגט אָן אַ קול, אָן ווערטער, נאָר חנהלע האָט געהערט:

— האָסט חרטה, חנהלע, וואָס דו האָסט געהאָלפֿן דעם מענטשן?

האָט חנהלע געענטפֿערט:

— ניין, איך האָב נישט קיין חרטה. אָבער מיין קליי־דעלע... מיין שבתדיק קליידעלע... און די מאַמע...

האָט די לבנה געזאָגט צו חנהלען:

— ווין נישט, מיידעלע, שטיי אויף און גיי אהיים. דיין קליידעלע וועט זיין נאך שענער...

און די לבנה האט געשיקט אירע שטראלן און ווי נאר דאס ליכט פון די שטראלן האט אנגערירט די שווארצע פלעקן פון חנהלעס קליידעלע — וואס פאר א וואונדער! די פלעקן זיינען פארשוואונדן. נישטא... און אויף זייער ארט — ליכט!

אט דא איז געווען א פלעק, און איצט א שטראל פון ליכט... דא איז געווען א שווארצער פינטל, און איצט — אט איז א שיינענדיקער פינטל... אזוי האט חנהלעס קליי־דעלע געגלאנצט ווי ריין זילבער. — גייט חנהלע און זי לייכט. קומט איר אנטקעגן אויפן וועג די מאמע און פרעגט:

— ווער איז דאס?

הערט דאס חנהלע, לויפט זי אנטקעגן דער מאמען און לאכט:

— מאמע, דו דערקענסט מיך נישט?

און חנהלע האט דערציילט דער מאמען אלץ וואס מיט איר האט געטראפן. ווען זיי זיינען אהיים געקומען איז די גאנצע שטוב געווען אנגעפילט מיט ליכט — ליכט פון חנהלעס שבתדיק קליידעלע.

אברהם און די דריי מלאכים

דארט־דארט אין מדבר, ווייט־ווייט פון שטאט, צווישן בערג פון זאמד, ביים וועג, איז געזעסן אברהם אבינו מיט זיין ווייב שרה. און אברהם און שרה זיינען געווען גוטע מענטשן. האט אברהם אויסגע־בויט א גרויסן געצעלט, און פון אלע זייטן פון געצעלט האט ער געמאכט טירן, ווייל ער האט געטראכט: „אויב ס׳וועט קומען אן ארעמאן אדער א גאסט, זאל ער נישט דארפן זוכן א טיר אויף אריינצוקומען אין געצעלט.“

אז אן ארעמאן איז געקומען פון דער זייט — איז ער אריינגעגאנגען

דורך דער טיר; איז געקומען אַ גאַסט פון אַ צווייטער זייט — איז ער אַריין דורך אַ צווייטער טיר. און אין געצעלט זיינען געשטאַנען אָנגע־גרייטע טישן מיט גוטע מאכלים און מיט גוטע געטראַנקען, און בעטן געבעטע מיט קישנס און קאָלדרעס. ווער ס'איז אַריינגעקומען צו אברהמ־ען אַ הונגעריקער — איז אַרויס אַ זאַטער, ווער ס'איז אַריין אַ דור־שטיקער — איז אַוועק אַן אָנגעטרונקענער, און ווער ס'איז אַריינגעקו־מען אַ מידער און אַ שוואַכער — איז אַרויס אַ פרישער און געזונטער.

און אַ בוים האָט אברהם פאַרפלאַנצט לעבן געצעלט. איז דער בוים אויסגעוואַקסן און האָט אַרויסגעגעבן גרויסע און לאַנגע צווייגן און ברייטע גרינע בלעטער וואָס האָבן פאַרשפּרייט אַן אָנגענעמען און קילן שאָטן.

פלעגן די געסט זיצן אונטערן שאָטן פון דעם שיינעם בוים און זיך אָפּרוען פון וועג און פלעגן זאָגן איינער צום צווייטן: וואָס פאַר אַ גוטער מענטש איז אברהם! וואָס פאַר אַ גוטע פרוי איז שרה! זיי זיינען צו אונדז ווי אַ גוטער פאָטער און אַ גוטע מוטער צו זייערע קינדער.

דערפאַר טאַקע האָבן אַלע מענטשן גערופן אברהמען „אונדזער פאָטער אברהם" און שרהן „אונדזער מוטער שרה."

***

איין מאָל, אין אַ זומערדיקן טאָג, איז זיך געזעסן אברהם לעבן געצעלט און געוואַרט אויף געסט. און דער טאָג איז געווען אַ הייסער, די זון האָט געברענט ווי אַן אויוון און דאָס זאַמד ווי פייער. און צוליב דער גרויסער היץ איז אַפילו קיין איין מענטש נישט פאַרבייגעגאַנגען.

איז זיך געזעסן אברהם ביי דער טיר פונעם געצעלט און געוואַרט אויף געסט. ער וואַרט און וואַרט — און קיינער קומט ניט. איז אברהם געווען פאַרזאָרגט: — „פאַר וואָס קומען ניט קיין געסט?" האָט גאָט געזען אַז אברהם זאָרגט זיך אַזוי שטאַרק האָט ער אַראָפּגעשיקט פון הימל דריי מלאָכים. די מלאָכים האָבן זיך אָנגעטאָן אין קליידער אַזוי ווי מענטשן, מ'זאָל זיי נישט דערקענען, און האָבן זיך געלאָזט גיין איבער די וועגן. ווי אברהם זיצט אַזוי און זאָרגט זיך פאַר וואָס עס קומען נישט קיין געסט, הייבט ער אויף די אויגן און דערזעט פון וויטן דריי מענטשן גייען. לויפט ער זיי אַנטקעגן מיט גרויס פרייד און זאָגט צו זיי:

— קומט, קומט, ליבע געסט, קומט אין מיין געצעלט. אויב איר זייט הונגעריק — וועל איך אייך געבן עסן, אויב איר זייט דורשטיק — וועל איך אייך געבן צו טרינקן, און טאָמער זייט איר מיד — וועט איר זיך דאָ אָפּרוען.

זיינען די דריי מלאָכים געגאַנגען מיט אַברהמען אין געצעלט. אַברהם האָט זיי דערלאַנגט וואַסער. די מלאָכים האָבן געוואַשן די הענט און די פיס און האָבן זיך געזעצט אָפּרוען אין שאָטן אונטערן שיינעם בוים.

אַז שרה האָט דערזען געסט האָט זי זיך דערפרייט און אויף גיך אָפּגעבאַקן גוטע קיכלעך און דערלאַנגט צום טיש; דערנאָך האָט זי אויסגעמאָלקן די קו און געגעבן די געסט פרישע מילך.

האָבן די מלאָכים געמאַכט זיך אַזוי ווי זיי עסן, ווייל מלאָכים פון הימל עסן נישט און טרינקען נישט.

און אַברהם און שרה האָבן נישט געוואוסט אַז דאָס זיינען מלאָכים.

און אַז די מלאָכים האָבן זיך אויפגעהויבן אַוועקצוגיין, האָבן זיי געזאָגט צו אַברהמען און שרהן:

— אַ דאַנק אייך, ליבע מענטשן! זאָגט, וואָס עס פעלט אייך און מיר וועלן אייך בענטשן!

האָט אַברהם געענטפערט:

— מיר זיינען רייך, מיר האָבן אַ סך קי, ציגן און שעפּסן און אַל דאָס גוטס, נאָר קיין זון האָבן מיר נישט...

האָבן די מלאָכים אויפגעהויבן זייערע הענט איבער אַברהמס קאָפּ און האָבן אים געבענטשט:

— זאָרגט ניט, גוטע מענטשן! אין אַ יאָר אַרום וועט איר האָבן אַ ליבן זון!

און די מלאָכים זיינען אַוועק.

עס איז אַריבער אַ יאָר. די מוטער שרה האָט געבאָרן אַ זון און האָט אים אַ נאָמען געגעבן יצחק. אַברהם האָט געמאַכט אַ גרויסע סעודה. צו דער סעודה זיינען געקומען אַ סך געסט. זיי האָבן זיך געפרייט וואָס ביי אַברהם און שרה איז געבאָרן געוואָרן אַ קינד, און די שמחה איז געווען זייער אַ גרויסע.

אינהאַלט

(פון די לידער און מעשהלעך)

צום נייעם לערניאָר („פרייד״) — 4

ניט צעקריגט זיך („לעבעדיקע קלאַנגען״ — ש. באַסטאַמסקי) 5

די מאַמע מיט די פינף זין — יהודה שטיינבאַרג — — — 7

טיטאַ און פיטאַ — ש. וואַסערמאַן 8

אַ פייגעלע אין האַרבסט — ליטמאַן — — — — — — — — 10

דער עפּל — (פון „לאַמיר לערנען״ — מעקסיקע) — — — 12

יונגע פייגל — נחום יוד — — 14

די וועווערקע און דער וואָלף — ל. טאָלסטאָי — — — — — — 14

די פוילע טאָכטער — הירש מלמד — — — — — — 15

ראש־השנה — ב. י. ביאַלאַסטאָצקי — — — — — 16

לשנה טובה תכתבו (פון שרה פישערס: „ימים טובים״) — — 17

אַ גוט יאָר (פון שרה פישערס: „ימים טובים״) — — — — 17

דאָס הויז און די סוכה — לעווין קיפּניס — — — — — — — 17

אַ סוכות־ליד — עליזה גרינבלאַט — — — — — — — — 20

וואָס קינדער ווילן זיין — ליטמאַן — — — — — — — — 21

קאַץ און מויז — ש. וואַסערמאַן 25

אָוונטברויט („איך לייען״ — ש. באַסטאַמסקי און מ. חיימסאָן) 27

געווען פאַרנומען („איך לייען״ — ש. באַסטאַמסקי און מ. חיימסאָן) — — — — — — 28

מאַטעלע — לאה קאַפּילאָוויטש 29

אַ מעשה וועגן דעם ווי אַזוי דער הונט האָט זיך געפונען אַ חבר (פון רוסיש) — יודל מאַרק — — — — — — — 31

וואו זשע בין איך? („דער שול־חבר״ — ל. ח יפה) — — 37

באַלמעלאָכעס — ב. סאַרין — 41

ציג און וואָלף — שמואל צעסלער — — — — — — — — 44

הענדל־קרייער — אידע קאַזלאָווסקי־גלאַזער — — — — — — 45

פלי, פייגעלע, פלי — אידע מאַזע — — — — — — — — 47

אַ מעשה פון אַ האַנדעלע די גרייס פון אַ מאַנדעלע — אייציק קיפּניס — — — — — — 48

אַ יידיש מיידעלע — עליזה גרינבלאַט — — — — — — — 52

אַליין, אַן דער לערערין („יידיש״ — י. פּאַט און ח. ש. קאַזדאַן) 53

אַ לידעלע אַז מע שניצט אַ בלייער — ב. גוטיאַנסקי — — — — 54

אַ פייגעלע — שלום עליכם — 56

הלל (איבערדערציילט פון ח. באַרקאַן) — — — — — — 59

אַ העלפט פון פינף (פון די „גרינינקע ביימעלעך״) — — 61

ס׳איז פינצטער — — — — — — 61

עסטע די פעסטע — ב. גוטיאַנסקי — — — — — — — — 63

די זון און די לבנה (איבערדערציילט פון ח. באַרקאַן) — — 64

ווען גאָט האָט באַשאַפן די וועלט (איבערדערציילט פון ח. באַרקאַן) — — — — — — — 65

דעם רבס זון — (פאָלקס־מעשה) 66

דער האָלצהעקער און די זשאַבע (לייענביכער פאַר דער יידישער שול״ — י. שטיינבוים) 70

איצט און שפּעטער — לאה קאַפּילאָוויטש — — — — — — — 73

די שלאַנג און די פרוי (איבערדערציילט פון ח. באַרקאַן) — 76

גאָט טרייבט אַרויס אָדמען און חוהן פון גן־עדן (איבערדערציילט פון ח. באַרקאַן) — — 77

די מיל — שמואל צעסלער — 80

מיט מענטשן אָדער אָן מענטשן („פרייד") — — — — — — — 82
ווען קינדער וועלן גרויס ווערן — ליטמאַן — — — — — 84
דער אַלטער שניידער דאָדל — א. אויערבאַך — — — — — — 88
וואָס טוט דער טאַטע? (פון די „גרינינקע ביימעלעך") — — 89
דאָס לוסטיקע שניידערל — (פאָלקסליד) — — — — — — 91
אַ וויגליד — דוד איינהאָרן — 93
בערעלע און זיין מוטער — („גרינינקע ביימעלעך") — — — 94
אַז די מאַמע איז ניט געזונט געווען (פון „לאָמיר לערנען", מעקסיקע) — — — — — 96
אַ מעשהלע — ב. י. ביאַלאָסטאָצקי — — — — — — — 97
מוטערסטאָג (לויט ליטמאַן) — 99
לעמעך גייט עפּעס קויפן — לעאָן עלבע — — — — — — — 104
דאָס ייִנגעלע מיטן רינגעלע — לעאָן עלבע — — — — — — 110
די מעשה מיטן מבול (איבערדערציילט פון ח. באַרקאַן) — 118
שניי, שניי — אפרים אויערבאַך 122
חנוכה־שפּיל — ש. צעסלער — 124
צום ייִדן אויף לאַטקעס — לעאָן עלבע — — — — — — — 125
אַ מעשה מיט אַ חנוכה־דריידל — לעאָן עלבע — — — — — 131
חנוכה־ליכט אין מיידאַנעק — יעקב פּאַט — — — — — — 135
דעם טאַטנס בריוועלע — ליטמאַן — — — — — — — — 141
דער בריוו („גרינינקע ביימעלעך") — — — — — — 145
דער מאָרגן־שטערן — ש. וואַסערמאַן — — — — — — — 146
ביים ים — מאַני לייב — — — — 147
דאָס גאָלדענע פישעלע — א. פושקין (יידיש: י. גוטמאַן) — 147
חמשה עשר בשבט (פון פעדאַגאָגישן בולעטען) — — — — — 153
דער טייטלבוים — יהודה שטיינבערג (באַאַרבעט יודל מאַרק) 153
אַ, פייגעלעך, בלייבט אויף אַ רגעלע שטיין (על פּי לעווין קיפּניס — פעדאַגאָגישער בולעטען) — — — — — — — — 157
די מעשה פון פורים (איבערדערציילט פון ח. באַרקאַן) — — 158
היינט איז פורים (פאָלקסליד) — 161
פרילינג — י. ל. פרץ — — 162
פרילינג אין שטאָט — נחום יוד 163
אַ מעשה מיט צוויי ברידער — לעאָן עלבע — — — — — — 164
אַלץ פאַרקערט (גרינינקע ביימעלעך) — — — — — — — — 168
אליהו הנביאס כוס — נחום יוד 169
דער אָרעמאַן און דער פרעמדער (פאָלקס־מעשה — איבערדערציילט פון ח. באַרקאַן) — — 170
משה ווערט געבאָרן (פון חומש) 171
משה העלפט די יידן (איבערדערציילט פון ח. באַרקאַן) — — 173
משה נעמט זיך אָן פאַר זיינע ברידער (פון חומש) — — — — — 174
יציאת מצרים (קרייזשפּיל) — ש. צעסלער — — — — — — 175
די גאַנצע וועלט איז זיינע (לויט ליטמאַן) — — — — — — — 176
טשינג־טשאַנג־טשו — רבקה גאַלין — — — — — — — — 182
דער ערשטער מאַי (פון „קאַמף") 185
אַן איינפאַל („פרייד" — ע. אַלעקסאַנדראָווא און ט. בענעסמאַן) 185
שבועות — מ. ריוועסמאַן — 187
די מעשה פון רות (איבערדערציילט פון ש. שאַפּיראָ) — — 187
שבועות — לעווין קיפּניס (באַאַרבעט שרה פישער) — — — — 191
חנהלעס שבתדיק קליידעלע — י. שווייגער — — — — — — — 192
אַברהם און די דריי מלאָכים — לעווין קיפּניס — — — — 196

Printed in U. S. A. **Futuro Press, 476 Broadway, New York 13, N. Y.**